STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07268

IN GROYSN DROYSN

Freed Weininger

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿריד ווײַנינגער

אין גרויסן דרויסן



פריד ווייַנינגער

אין גרויסן דרויסן

צייכענונגען: שמואל כץ

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל-אביב, 1974

FREED WEININGER

In Groysn Droysn

POEMS

DRAWINGS: **SHMUEL KATZ**

COVER BY THE AUTHOR

פריד וויינינגער / אין גרויסן דרויסן

הילע: פון מחבר

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל-אביב

צילום: **ישראל נתיב**

©

COPYRIGHT BY FREED WEININGER

PRINTED IN ISRAEL 1974

נדפס בישראל תשל״ד

סידור: משה חמיאל

הדפסה: „חבצלת", הרצליה

To

Helen and Samuel Liskov

in friendship

אין גרויסן דרויסן" איז אַ פּרוּוו צו פֿאַרענטפֿערן די נסיעה
ון אומרו פֿון אַ יידישן אַסטראָפּאָעט, אין אַ צײַט ווען זײַן
ײַטער רוים ווערט דורכגעלעכערט פֿון קינסטלעכע קאָמעטן
ון סאַטעליטן.

יט אַ ציטער אין האַרץ זעט ער ווי זײַן ברודער אַסטראָנאָט
יל די שטערן צעאַקערן, איידער די פֿעלקער צעגראָבן די
רד, כּדי אײַנצופֿלאַנצן אין איר דאָס וואָרט פֿון גאָט — דער
יאָג פֿון נבואה זאָל מקוים ווערן: „און זיי וועלן שמידן
יערע שווערדן אויף אַקעראײַזנס..."

אין גרויסן דרויסן" איז אויסן, אַז צו די באַשטערנטע הײַכן,
יז דאָס ליד בלויז איין וועג. ער פֿירט דיך דורך פֿאַרטיפֿ-
יער אַרבעט, פֿון פֿאַרשטיין זיך אַליין, און דערקענען זיך

ין דער אַנטפּלעקונג פֿון מענטש און זײַן אַרום.
ויף דער נסיעה, ווענדן די אויגן זיך צו אַלע וואָס האָבן
טחון אין אים אויף זײַן וועג, אין אַ צײַט ווען די שטערן
ינקלען ניט תּמיד מיט פֿאַרשטענדעניש.

בופֿאַלאָ, ניו-יאָרק, דעם 14טן מאַי 1967

אין דער פֿאַרגרעסערטער זאַמלונג פֿון „אין גרויסן דרויסן״ גייען אַרײַן אויך די לידער פֿון עליה, פֿון איבערפֿלאַנצונג און פֿאַרוואָרצלען זיך אינעם נײַעם גאָרטן.

אין די פֿרישע אויפֿגעגראָבענע בייטן גייען אויף מיט נאָס-טאַלגיע זכרונות פֿון די פֿריִע יאָרן פֿון אָנהויב, און פֿון מײַן ערשטן דערמוטיקער אויפֿן וועג, **יצחק פֿאַנער**, וועמען איך האָב נאָך יאָרן פֿון צעשיידונג ווידער געטראָפֿן.

אין רגעס פֿון תּפֿילה און חשבון הנפֿש שטעל איך זיך אָפּ בײַ די קברים פֿון

ה. לייוויק ז״ל, יעטאַ און שלמה ביקל ז״ל,

פֿאַר אַלץ... אין די יאָרן פֿון איבערגאַנג אין ניו-יאָרק.

מײַן יראת הכּבוד און דאַנק די ליבסטע באַגלייטערס **לוסיאַ און יהודי**, פֿאַר טיילן זיך מיט אַלע נסיונות אַפֿילו אין די שווערסטע רגעס פֿון ראַנגלעניש.

קרית טבעון, ניסן תשל״ג, 1973

אין גרויסן דרויסן

איך שווועב אַרום
אָן גראַוויטאַציע

כ׳בין אָנגעקומען,
נאָר פֿרעגט ניט ווי אַזוי,
און פֿרעגט ניט ווו,
אַ קאָסמיש-קאַלטע ליידיקייט
נעמט מיך מיט פּוסטע הענט אַרום.
איך בין געקומען זוכן רו
אַדאָ אין רוים,
ווו ס׳זײַנען נאָך דערווײַל ניטאָ
קיין שרײַבערישע דורות,
און ניט קיין מעצענאַטן...
בלויז אַסטראָנאָטן
פֿון צײַט צו צײַט.
אין דעם אומהיימלעכן העט-העט,
בין איך דערווײַל
דער איינציקער פּאָעט.
אַדאָ אין רוים
וואַקסט אויס פֿאַר מיר
מײַן אומזיכטבאַרער בוים,
מיט אומזיכטבאַרע צווײַגן אומעטום,
און אומציילבאַרע שטערן.
די זון און די לבנה-קעצלעך,
פֿון זייערע עקן הענגען זיי אַראָפּ,

ווי פּירות פֿון די צווײַגן,
און שווײַגן
מיך אָן
מיט פֿאָספֿאָר-גליִענדיקע אויגן.
איך גיי ניט,
איך פֿלי ניט,
איך שוועב אַרום אָן גראַוויטאַציע
מיט גראַציע.
ניטאָ קיין אונטן,
קיין פֿונטן,
קיין אויבן,
נאָר טונקלקייט מיט זונען;
אַ גאַלאַקסיע
אַנטפּלעקט זיך דאָ,
אַ ים
פֿון גליִענדיקע שטויבן.
אַ מאָדנע שטילקייט,
און נאָך אַ מאָדנערער געפֿיל
נעמט מיך אַרום.
דאָ אַרט עס ניט ווי אַלט מען ווערט,
און צי דער קאָפּ מיט ווילדע האָר
ווערט זילבערגרוי.
דאָ שוועבט מען בלויז
אַרום אַזוי,
אַרום,

אַרום,
אַרום אַזוי.
מייַן אומזיכטבאַרער בוים
באַשאָטנט מיך ווען די לבנה-קעץ
פֿאַרבלענדן מיר די אויגן, —
דעם חלום-שייַן,
בעת איך שוועב,
און שוועב
אַלץ ווייַטער
אינעם תהום פֿון אוניווערס אַריַין.
נאָר איינזאַם איז מען דאָ אין רוים,
נאָך איינזאַמער ווי דאָרטן,
וווּ יעדער איינער חלומט
ער זאָל אַנטלויפֿן פֿון זייַן גרויען גאָרטן...

מייַן זייגערל,
מסתּם איז שטיין געבליבן.
איך שוועב אַרום,
און ווי אַ קאָסמישער קאָלומבוס
זוך איך נאָך אַלץ
אַ קאָנטינענט פֿון רו.
דער אמת איז,
די רו הייבט אָן מיר נימאס ווערן.

ווײַל דאָ אין ווײַטן, ווײַטן לאַן,
דאָ צווישן שטערן,
איז צופֿיל רו,
איז צופֿיל רו פֿאַראַן.
הייב איך אָן בענקען
אַן אַסטראָנאָט זאָל מיך געדענקען...
ער זאָל פֿאַרבײַ,
און מיך צוריק פֿאַרשלעפּן
צוריק צו זיי
פֿון וועמען כ׳בין אַנטלאָפֿן.
צוריק אַהין,
איך זאָל ערשט דאָרטן
פֿון ס׳נײַ אָנהויבן האָפֿן...
איך זאָל אַוועק
אַ נײַעם שטערן זוכן.

אלף, בית,...

אלף

מיט אַסטראָנאָט
הייבט אָן דער נײַער אלף-בית
אין ספֿר צײַט,
און ניט ווי אַמאָל
מיט אלוהים.
דער אוניווערס איז אַלט.
איך הער די אותיות,
די אַנדערשקײַט,
די שטים
פֿון אייביקייט.
ס'איז פּראָסטיק קאַלט,
און מײַנע פֿינגער
מיט זאַפּערעס,
פֿאַרגליווערן,
בעת איך האַלט
זיך אָן אין עק
פֿון דעם ראַקעט
אין דעם אומענדלעכן העט-העט.

ב י ת

איך בלאָנדזשע
אַרום
אין דער ביליאָנענהאַפּטיקייט
פֿון דער באַשאַפֿונג.
קיין סימן פֿון
בראשית.
די אומזיכטבאַרע בלויע בערג
באַהעפֿטן זיך מיט שרעק
און ביסלעכווײַז
מיט מײַן באַוווּסטזײַן.

ג י מ ל

װי אײנזאַם שװעבסטו
גאָט
אַרום.
דו קענסט די גאַלאַקסיעס
ניט מער דערקענען.
גיב מיר דײַן האַנט.
מיר זײַנען בײדע נע־װנד
אין גאָרטן
פֿון גרונטלאָזע
גרונטן.

דלת

אין פּוסטער ליידיקייט
איז ניט פֿאַראַן
קיין דאָ,
צי דאָרט.
אַ דיכטער
געפֿינט בכלל פֿאַר זיך קיין אָרט
אין ד'ערגעץ.
און איך זוך אַלץ
אַן ערגעץ,
און שוועב אַרום
אין דעם אומענדלעך גרויסן
דרויסן...
און אַלץ וואָס איך
פֿיל אינעווייניק,
פֿאַרגייט איצט דין,
ווערט דין-עווייניק.

האָ

אַמאָל פֿלעג איך
דערזען דעם העלן הימל,
און חלומען:
ווי גוט וועט זײַן
צו היטן
די הויכקייטן
מיט אַ געזאַנג פֿון הללויה.
איצט יאָג איך זיך
נאָך יענעם ליכט פֿון שקיעה...
בלויז איינער פֿון
די אויך-קייטן.

וואו

אין ווײַטן וואַנדערוועג,
וווהין ווילסטו דערגיין ?
אין ווײַטסטער ווײַטקייט,
אויף יעדן אומזיכטבאַרן בוים
אין פוסטקייט,
פֿאַרווינטערן
פֿאַרבלייכטע שטערן —
ווי אַלטע מוידן
וואָס וואַרטן
און וויאַנען.
ווײסטו דען קענען זייער ווײ
אַראָפּרײַסן פֿון בוים,
און ערגעץ אין די לאַנען
אײַנפֿלאַנצן
מיט ליבשאַפֿט...
זײ זאָלן זיך צעבליִען
אין וווּנדער ?
צי ווײסטו ?

ז׳ יין

אַ זאַוועררוכע
אין זאָדיאַק,
אַפֿילו אין רוים פֿון די הימלען
די זיבן,
ווו איך האָב די שטערן
געקליבן,
געפֿונען
די זונען,
און נאָך מיט אַ זמר.
איצט זינדיקן דאָ
אין זײַטיקע געסלעך,
ווי זעלנער מיט זונות
די זעלביקע שטערן,
די זעלביקע זונען.
אַ רויטער לאַמטערן
הענגט איבערן קאָסמישן טויער.
די מילך אין דער מילך-גאַס
ווערט זויער.

חית

איך חבר זיך מיט חלום,
מיט חושך.
פֿון מײַנע חושים
וואַקסט פּלוצעם אויס
אַ חידוש-בוים.
איך זע די שטערן,
דערקען דעם סדר.
איך זע פּלאַנעטן,
וואָס פֿלעגן לויפֿן
ווי קינדער אין חדר
חומש זיך לערנען.
ס׳איז פוסטער געוואָרן.
דער רוים פֿון העט-העטן
און יעדער לאַן
אויף מײַן נסיעה,
ווערט אין דער פֿינצטערניש
צערינען...
ווײַל כ׳קען דעם רבין ניט
געפֿינען.

טית

מלאכים בײַם טויער,
מיט טאַצן, טרומייטערס.
זיי טרובעווען
און טאַראַראַמעווען,
מקבל-פּנים זײַנען זיי דאָס מיך,
דעם ערשטן ייִדישן פּאָעט
אין דעם העט-העט,
וואָס האָט פֿאַרגלוסט זיך, זײַן
אַ קאָסמישער טוריסט...
און פֿליִען אומזיסט.
מיט אַ מאָל בײַם טויער,
אין אַ רגע
אַ בלויער,
באַווײַזט זיך אַן אַלטער,
גאָר אַלטער מחבר.
ער שטרעקט מיר אויס
זײַן האַנט,
און אין די אויגן
צעפֿלאַקערט אַ פֿײַער זיך
פֿון זונען...
צופֿרידן
וואָס כ׳האָב דעם וועג אַהער
געפֿונען.

איך נעם די האַנט,
און האַלט זי לאַנג אין מײַנער.
נאָר ס'דוכט זיך אַז
אַפֿילו דער אַלטער מחבר
איז זשעדנע צו הערן,
וואָס איך טראַכט אַצינד
וועגן אויסלייג פֿון שטערן;
צי די אייביקע האַנט,
האָט טאַלאַנט.

יוד

ווי לײַכט מען פֿאַלט
אַרײַן אין יאוש.
די ליידיקייט
אין דעם העט-העט פֿון רוים,
איז ווי אַ ים
אָן אַ יבשה.
איז וואָס-זשע אײַלן זיך
די אַסטראָנאָטן,
די קאָסמאָנאָטן,
אין פוסטער יאָגערײַ,
אַז סײַ ווי סײַ
וועט קיינער פֿון די ריזן,
וועט קיינער קיין מאָל ניט דערגיין
צו דעם יסוד
פֿון דעם באַשעפֿערס
קאָסמישע קאַפּריזן.

איז וואָס טו איך אַדאָ
אין דעם העט-העט?
געטריבן פֿונעם אומרו-„דזשעט",
דעם אמת ייִדישן ראַקעט?!

אַ ברירה האָב איך:
אין מייַנע יאָרן
בין איך נאָך אַלץ
אַ ילד,
אַ יאַט,
פֿאַר אייניקע אַ יאָלד...
אַ ייִד
וואָס ווערט ניט מיד,
ווייַל אין דער צייַט פֿון אַסטראָנאָטן,
פֿלי איך אַוועק
אויף פֿליגל פֿון ליד.

כף

אַליין אין דער הויך.
איך יאָג זיך אַלץ ווײַטער,
געטריבן פֿון עפּעס אַ כּישוף,
אַ כּוח.
עס דרייט זיך צו מאָל
ווי אַ גאַלאַקסיע-שטערן-געווירבל
מײַן קאָפּ.
נאָר כ'קוק ניט אַראָפּ.
כ'בין מיד פֿון מלחמות...
פֿון צפֿון —
פֿון דרום וויעטנאַם...
און זאָל מען מיך רופֿן
אַ כאַם,
ווײַל כ'וויל זיך ניט מישן
אין לאַאָס.
איך האָב זיך געקויפֿט שוין
אין קאָסמישע כמאַרעס
אַ כאַטע אין כאַאָס.
איך היט מײַנע שטערן.
זיי זעען אויס פֿון נאָענט
אַזוי ווי כימערעס.

איך ווייס
אַז אַדאָ אינעם וויַיטן העט-העט,
אין כאַאָס,
וועט אַ פּאָעט
אַ ייִדישער,
פֿרידישער,
ניט לעקן קיין האָניק.
אָבער ווען-זשע אַרט עס.
אַבי איך וועל קענען
דאָ שרייַבן אין רו
מייַן לבנה-קאַץ כראָניק.

למד

אין ווײַטן לאַן,
אין ספּערן-לאַבירינט,
לאָז איך זיך ווײַטער,
אַלץ ווײַטער.
איך לויף און לויף,
און פֿרעג אַפֿילו ניט
די ליכטיקע לבנה-קאַץ,
צי ס'איז פֿאַראַן
אַזאַ מין זאַך —
ווי דיכטערישע לאָגיק.
אַדאָ אין ליכטער-לאַן,
וווּ טאָג איז נאַכט,
און נאַכט איז טאָגיק...
און וווּ די לאַנדשאַפֿט פֿון אַמאָל
האָט זיך פֿאַרוואַנדלט דאָ
אין אַן אויסטערלישן שטערן-טאָל...
פֿון לאַפּיס-און-לאַזולי-בלוי,
איז מיר דאָ גוט אַזוי.
דאָס ליד
בענקט איצט נאָך ליכט
און ליבשאַפֿט,
פֿאַר יענעם ווײַטן, ווײַטן לאַן.

מם

מאַמע, ליכטיקע אין הימל.
מיריאַדן שטערן
צעטיילן אונדז אַצינד.
פֿאַר דיר בין איך מסתּם
נאָך אַלץ
אַ בלאָנדזשענדיק, צעטומלט קינד.
זײַ מוחל מיר,
וואָס איך בין ניט
אַ פֿרומער ייִד געוואָרן...
וואָס כ׳בין אַוועק
מיט פֿלײַענדיקע מעטעאָרן.
ווײַל אויפֿן אָרט
פֿון גיין אין חדר,
צום רויטן, טויבלעכן מלמד,
האָב איך שוין דעמאָלט,
סאַראַ מזל,
געחלומט פֿון מאַרוסיאַן —
מײַן בלאָנדע מוזע
פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן הײַזל.

מאַמע מייַנע,
די מילכגאַס דאָ אין רוים,
אַנטפּלעקט פֿאַר מיר אַצינד
אַ פֿעלד
מיט שנייוויַיסע מצבה-שטערן.
ערגעץ-ווו ליגסטו
און שלאָפֿסט,
און חלומסט
אַז איך
זאָל ניט
פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן.

נון

פֿאַראַן דאָ שטערן,
וואָס זײַנען אייביקע נאָמאַדן...
געפֿינען ניט קיין רו
און חלומען,
און פֿאַלן,
אויף אומזיכטבאַרע באַריקאַדן.
איך שטעל זיך אָפּ
אין נאַדיר,
און וואַרף אַ נעץ —
מײַן נשמה,
ווי ס׳וואַרפֿט בײַם ים
אַ פֿישעריונג זײַן נעץ.
איך כאַפּ
די פֿאַלנדיקע שטערן,
און נעם זיי מיט
אויף מײַן נסיעה —
אין רוים,
פֿון אייביקער,
פֿון פורפורדיקער שקיעה.

סמך

איז עס אַ בייזער חלום?
האַ-לו-צי-נאַ-ציע?
וואָס כ׳קלער
אַז כ׳וויל אַוועק
פֿון סטראַטאָספֿער?
אַ קאַלטע סביבה דאָ...
מײַן אומרו איז
אַ ברונעם אָן אַ דנאָ,
און איך
בין קעגן סטאַטוס-קוואָ.
אין קאָסמישן סיסטעם:
מעת-לעתן זעקס...
ניטאָ אַפֿילו
קיין סימן פֿון סעקס.
דאָ מוז איך דרייען זיך
אין אַ ספּיראַל
מיט אַנדערע סאַטעליטן...
און איך אין מיטן.
ס׳איז אַ סקאַנדאַל.

אין טאָג דעם זיבעטן:
אַ סידור,
אַ ספר-תורה...
און גיי
באַזינג און לויב
דעם בורא.
ס'איז ניט פֿאַר מיר
אַזאַ קאָשמאַר.
ס'איז גוט פֿאַר די חסידים
פֿון סאַטומאַר.
אַ בייזער חלום
האָט אָבער אויך אַ סוף.
איך כאַפּ זיך אויף,
און ווענוס ווינקט
צו מיר אַרויף.

ע׳ין

איך בין דער ערשטער דאָ
אין ווײַטן ערגעץ.
אין קאָסמיש-ווײַטן רוים
ווער איך ניט עלטער.
אומענדלעך איז דער טאָג,
און כ׳בין נאָך ווײַט
פֿון עפּילאָג.
נאָר עפּעס האָט אין מיר
לחלוטין ניט געקאָנט
באַפֿרײַען זיך
פֿון יענער ערד —
דעם ערשטן לאַנד,
און פֿון דער ערדיש-קאַלטער
מורא:
אַז ס׳קומט אַ מאָל דער סוף.
אַדאָ
אין דער אומענדלעכקייט
פֿון רוים
און בורא,
דערמאָן איך זיך
אין תּקיעת-כּף:
אַז שטויב
מוז ווערן ווידער שטויב.

זאָל דאָס מײַן ענטפֿער זײַן —
מײַן עפּיטאַף:
אַדאָ ליגט עמעץ,
אין ווײַטן ערגעץ.
ער האָט געליבט
דעם אַלטן עפּלבוים,
וואָס קאָרטשעט זיך צונויף
ביז מען דערקענט אים קוים,
דעם עקשן
וואָס דראַפּעט זיך
מיט שוואַכע הענט
אויף גלײַכע ווענט —
און אויך די ערד
וואָס פֿאָרכט זיך ניט
פֿאַר אַן עקליפּס...
אַז דאָס וועט זײַן
איר סוף
אין דעם העט-העט.

פּאַ

פּעגאַסאָס,
צי ביסטו גרייט,
מיר ווײַזן
די אויסטערלישע
און קאָסמישע פּײַזאַזשן?
איך וויל באַפֿרײַען זיך
פֿון מײַנע ערדיש-רויע ווונדן,
רײַס איך פֿון זיך
מיט אומרו די באַנדאַזשן.
כ׳בין מיד
פֿון פֿוילע שטיק,
פֿון פּאָליטיק.
קום
לאָמיר פֿרעגן גאָט,
צי וויל ער זײַן
אַן אמתער פּילאָט...
צי וויל ער פֿליִען
אין אונדזערע רייען,
און מאַכן שוין אַ סוף
צו די פּאַרטייען.

פעגאַסאָס,
פֿון הויכן באַרג —
דעם העליקאָן,
ביסטו אַוועק,
און צווישן קאָנסטעלאַציעס
ביסטו פֿאַרן פּאָעט
געוואָרן אַ סימבאָל —
אַ פֿאָן.
איך קום צו דיר
פעגאַסאָס,
מיט פּראָטעסט.
מייַן ערד צאַנקט אויס.
זי שוואַנגערט טויט
און פעסט.
טו ווייַז מיר כאָטש
די קאָסמישע פּייַזאַזשן.
ס'האָט אַ קאָשמאַר
באַהעפֿט זיך מיטן גייַסט,
און אומריין זייַנען
געבליבן די אימאַזשן.

פא

פֿאָטער,
ווייַז מיר דעם וועג
צום פֿאָלק!
פֿאַרוואָס פֿאַרפּלאָנטערן
זיך מייַנע וועגן
אין גרויסן
דרויסן?
פֿאַרוואָס טו איך זיך אָן
אַ קאָסמיש העמד?
כּדי מייַן פֿליפֿערד זאָל
זיך פֿילן פֿרעמד?
צי זוך איך דען
נירוואַנאַ־פֿרוכטן
אויף אומזיכטבאַרעביימער,
אין יענע הימל־שלוכטן?
איך שטרעק דאָך בלויז
צום הימל אויס
די הענט...
דער האָריזאָנט,
דער פֿירמאַמענט
זאָל ווערן פֿרייַ.
און דעמאָלט וועט
דאָס ליד
פֿון ס'נייַ
אַנטפּלעקן זיך
אין רו
און פֿריד.

צדיק

די אומרו ציט און ציט
אַלץ ווײַטער מיך.
איך שוועב אַרום
אין צווישנליכט
פֿון די צעשפּרייטע,
צעשיידטע הייכן.
אַ גאַלאַקסיע
צעווירבלט זיך...
אַ שטערן צינדט זיך אָן,
אַ צווייטער צאַנקט,
אַ דריטער בלײַבט פֿאַרגליווערט,
פֿאַר אַנדערע אַ צייכן,
אַ פֿערטער ציטערט אויף,
צעשפּאַלט זיך ווו,
און וועט זײַן ציל
אין דעם העט-העט
קיין מאָל דערגרייכן.
אַדאָ אין צווישנליכט
פֿון צײַט און רוים,
צאַמט גאָרניט מיך.
קיין צאַם,
קיין צוואַנג.
קיין צוים.

איך ווער אַ טייל,
אַ צווײַג
פֿון אומזיכטבאַרן בוים,
וואָס האָט זיך ערשט צעבליט,
צעגליט,
צעצוויט.
ווי פֿייגל זײַנען זיך
די שטערן
אין דער צעשטערנטקייט
צעפֿלויגן.
און ערגעץ-ווו
צעמיאַווקעט זיך
די ליכטיקע,
די ציכטיקע לבנה-קאַץ.
מײַן אומרו ציטערט אויף
אין אירע אויגן.

קוף

גאַנץ פֿרי,
אין אויפֿבלי פֿון קאַיאָר,
ווען חושים שטייען אויף
דערפֿרישט
און קלאָר,
האָב איך די פֿליפֿערד איינגעשפּאַנט,
און זיך אַרויסגעלאָזט
אויף קאָסמישע נסיעות.
נאָר הערט,
די הימלען
דערקען איך קוים.
פּלאַקאַטן הענגען
אויף שטערן-ווענט
אין רוים.
ווי אין די שטאַטן,
באַקומט מען שוין אויך דאָ
אין דעם העט-העט
מציאות:
צו קייַען גומי,
און פֿלעשלעך „קאָמעט-קאָלאַ".

קום פֿליפֿערד,
און לאָמיר ווײַטער זוכן.
ווײַזט אויס
סע יאָגט מיר נאָך
מײַן קאַצן-יאָמער.
כ׳בין מיד
אַרום-צו-שוועבן
כסדר נאָר אין אפֿשר,
פֿאַרגיין אין טאָמער.
כ׳דערקען די הימלען קוים.
ס׳האָט „קאָמעט-קאָלאַ״
אַרײַנגעכאַפּט זיך אויך
אַדאָ
אין קאַלטן רוים.

ריש

אַ יעדער חוש אין מיר
איז אין רעוואָלט.
דאָס ראָד
האָט זיך געדריַיט,
און אינעם רעש
און רעדערדריי
האָב איך זיך מיטגעדרייט,
ניט תמיד
ווי כ׳האָב געוואָלט.
נאָך דריי איך זיך אַרום,
און כ׳ריר
פֿון אָרט זיך קוים —
וויַיל ווי נאָר כ׳עפֿן אויף
צום וויַיטן רוים
אַ שמאָלע טיר —
און ס׳זאַפּט זיך אָן
מיט רחבות און מיט רו
מיַין בליק,
ריַיסט עפּעס מיך אַוועק,
און ס׳דרייט
דאָס ראָד
און דרייט
צום אָנהויב מיך צוריק.

ס'איז אַלץ אין מיר
אַצינדער אין רעוואָלט.
איך האָב געגנוג
פֿאַר רשעות פֿון אַרום
מיט טרערן,
מיט בלוט באַצאָלט.
אָ, גאָט,
ווי זוך איך דיך אַצינד!
זײַ דו מײַן חבר,
מײַן רבי.
נאָר מאַך דעם ספֿר
פֿון ערדישער רציחה צו.
אַ רגע בלויז
לאָז מיך
אין גרויסן דרויסן,
געפֿינען רו.

שין

איך שטעל זיך אָפּ
אַ ווײַל,
און ערגעץ-ווו
בלײַבט אויך
דער אַסטראָנאָט איצט שטיין,
און מוז
צו פֿוסנס ווײַטער גיין.
ס'איז שבתדיק
און שטיל אַרום.
עס דוכט זיך מיר
איך בין אין מאה שערים
פֿון גרויסן דרויסן.
די שטערן טראָגן שטרײַמלעך,
און גייען שוין אין שול.
מען שווײַגט מיך אָן,
מען שטאַרצט מיך אָן.
ווי מאָדנע פֿיל
איך זיך אַדאָ:
„אַזוי אומהײַמלעך".
לבנות טראָגן שײַטלען,
פֿאַרבונדענע
מיט שטערן-טיכלעך...
און אַלע שושקען זיך.
זיי טײַטלען —
און ווײַל איך גיי אַרום
אין הוילן קאָפּ,
ווינקט קיינע פֿון דער הויך
צו מיר אַראָפּ.

ס'איז שטיל און טונקל
אין דעם אַרום.
ס'טוט גאָרניט זיך אַ ריר.
דער שמש פֿון העט-העט
רופֿט פלוצעם מיך:
„צינד אָן פֿאַר מיר
אין אוניווערס
דעם שענדעליר".
נאָר איך אַנטלויף
אַלץ ווײַטער אין העט-העט,
אויף פֿליגל פֿון
מײַן אומרו-„דזשעט",
און ס'איז מיר גוט אַזוי...
איך וויל ניט זײַן
קיין שבת-גוי.

תּו

מיט אַסטראָנאָט
הייבט אָן דער נײַער אלף-בית,
און מיט תּהום
פֿאַרענדיקט זיך דאָס ליד
פֿון גרויסן דרויסן.
די קאָסמישע נסיעה
האָט אָפּגעשטעלט
זיך בײַ דער „ת״.
אין תּוך
מוז דער וואָס לאָזט
אויף וועגן זיך,
אויך גרייט זײַן פֿאַרן סוף.
איז וואָס-זשע בין איך אויסן?
וואָס האָב איך דאָרט געזוכט
אין דעם תּהום
פֿון גרויסן דרויסן?
איך בין אַוועק
ווי פֿון אַן ענגער תּפֿיסה,
און ניט געקאָנט
זיך צוזען ווי די ערד
פֿאַרגייט
אַן אײַנגעקאָרטשעטע,
אין גסיסה.

איך בין אַוועק
אויף מײַן צעשטערנטער נסיעה,
זיך ראַטעווען
פֿון תליון'ס תליה.

נאָר ווער עס לויפֿט,
אַנטלויפֿט פֿון זיך אַליין...
וועט ווי אַ פֿאַלנדיקער שטערן
אין דעם תהום פֿאַרגיין.

דאָס בין איך אויסן:
געזוכט האָב איך
אין גרויסן דרויסן
דאָס אומבאַקאַנטע
פֿון שטערן-גליקן...
נאָר אויף דער ערד
האָב איך ערשט איצט
געפֿונען פֿאַר מײַן זײַן
אַ תיקון.

לידער
וועגן אומרו צען
און אַפּאָלאָ עלף

פֿאַר משה יונגמאַן

א.

ברוך-הבא,
חברים אַסטראָנאָטן!
„אַפּאָלאָ עלף״
האָט אײַך געבראַכט אַהער,
אין גרויסן דרויסן —
אין דעם העט-העט,
וווּ מײַנע פֿליפֿערד שטייען גרייט,
זיך לאָזן ווײַטער אײַנצושפּאַנען צום ראַקעט —
מײַן „אומרו צען״.
איך בין נאָר אויסן,
אַז כ׳האָב די איינזאַמקייט
פֿאַר אײַך באַטראָטן,
און אַז מען טרעפֿט זיך
יאָ צו מאָל אין וועג,
איז עס בײַם ראַנד פֿון אָפּשייד —
בײַם שיידוועג פֿון פֿאַרגיין;
אַזוי
איז עס אויך איצט געשען.

ב.

אין אײַערע רוים-בגדים,
חברים אַסטראָנאָטן,
קוקט איר דאָ אויס
גאָר מאָדנע.
לבנה — קעצלעך מיאַוקען ווי אין חידוש.
נאָך קיין מאָל ניט געזען
קיין ערדישע ראָבאָטן.
עס פֿעלט אײַך לופֿט אַדאָ.
מיר האָט עס שוין געפֿעלט
נאָך אויף דער ערד.
כ׳געדענק
ווי כ׳האָב זיך אויפֿן וועג
און וואַנדער,
אויף דעם יריד דעם גרויסן,
צוויי ציגן ייִדישע
כמעט פֿאַר גאָרניט אײַנגעהאַנדלט,
און האָקוס-פּאָקוס,
האָב איך זיי שוין פֿאַרוואַנדלט
אין פֿליִענדיקע פֿערד,

און זיך געלאָזט
אויף קאָסמישע גאַלאָפּן,
אַ ביסל אָטעם כאַפּן.
איצט קומט איר אין אַ גוטער שעה.
מלחמות זײַנען ווײַט.
ס'איז שטיל
און שלומדיק אַדאָ.

ג.

די זון איז גיך פֿאַרגאַנגען,
אַרײַן אין ים פֿון פוסטקייט.
און איבער שפּיצעכדיקע בערג
און קײַלעכדיקע קראַטערס,
אַריבער שאָטן — גריבער
און אומזיכטבאַרעביימער —
אַמאָליקע חלומות אין פֿאַרגליווער —
גייט אויף אַ גאָלדענע
און פֿולע,
די ערד...
ווי כ׳וואָלט געקענט צו איר דערלאַנגען.
נאָך קיין מאָל ניט
האָב איך זי אַזוי שיין געזען.
פֿאַרגעס איך מײַנע פֿליִענדיקע פֿערד,
און די חברים אַסטראָנאָטן,
דעם ייִדישן ראַקעט —
מײַן „אומרו צען״.
די אויגן זאַפּן אײַן

און וואַרפֿן אָפּ דאָס ליכט,
די גלאַנצן.
איך פֿיל די פֿיס
וואָס גייען ווי אויף זייפֿנשוים,
זיי הייבן אָן אַליין צו טאַנצן.
איך קוק אַרויף.
ביים כּותל שאָקלען ייִדן זיך,
זיי טאַנצן,
און זיינען דאָרט מחדש די לבנה.
אַזוי טאַנץ איך אַדאָ.
בין זי מחדש —
מיין גאָלדענע,
מיין פֿולע ערד.

26סטן יולי, 1969

אדם און חוה

תאווה, טליִענדיקע בענקשאַפֿט אינעם ליד —
נײַער ניגון, אָטעם אינעם האַרץ פֿון צײַט,
כאַאָס — פֿליפֿערד רײַסן דיך מיט אימפעט מיט.

תפֿילה — שטילקייט שפרייט די רו אויס אין אַרום
נאָמען וואָס דו שעפשעסט אין דײַן איינזאַמקייט —
כמאַרעס אויסגעלייזטע אין בלויקייט אומעטום.

תיקון פֿאַרן מאָרגן אויפֿן לאַנגן וועג —
נײַגעבורט און אויפֿגאַנג פֿון דײַן שענסטן שטערן,
כ׳שפרייט פֿאַר דײַנע טריט אויס מײַנע טעג.

א.

אין אָנהויב האָט מסתּם
אויך אדם
זיך אײַנגעהערט
צום קול
פֿון זײַנע טויזנט אײנזאַמקייטן,
ווי איך.
ער איז אַרויס פֿון אוהל,
און זיך געלאָזט
אויף פֿרעמדע וועגן,
זײַן אומרו אומעטום...
אַריבער באַרג
און טאָל צעשפּרייטן —
ביז אין אַן אויסגעבענקטער רגע,
האָט זיך פֿאַר אים אַנטפּלעקט
אַן אויסטערלישע רו,
ווי דו.

אין תּפֿילה צו זײַן אייבערשטן
איז ער מיט איר —
זײַן אויסגעבענקטער און באַשערטער,
ווי ליכטער זונען אויפֿגעגאַנגען
אין ווײַטן ערגעץ-ווו,
ווי אין סאַמע אָנהויב,
ווי איך און דו.

ב.

בראשית,
עס איז געווען דעם בורא׳ס ווילן,
אַז אין באַגינען
זאָל אדם בענקען
נאָך איר —
זײַן אויסגעחולמטער,
צו ברענגען איר די בשׂורה:
אַז אונטערן עפּלבוים
אין ערשטן בלי,
אין ציטער פֿון זײַן ווידערקול,
אין פֿאַרבנשפּיל פֿון בילד,
אין ברענפּונקט פֿון זײַן גבורה,
וויל ער מיט איר
באַהעפֿטן זיך...
אַזוי בענק איך.

באַקרוינט ווי אדם,
פֿון בליִענדיקן ליכט,
ווער איך אין דעם באַגינען,
וואָס רופֿט מיך פֿונעם ערגעץ-ווו,
ווי דו.
אין תּפֿילה צום באַשעפֿער
הייבט אדם אויף די ברעמען...
אַנטפּלעקט זיך מיטאַמאָל
זײַן חוה.
און ער און זי,
ווי איך און דו.

ג.

אָ גאָט,
צי האָט דען אדם
געקאָנט געוועלטיקן זײַן תּאווה,
און בײַשטיין דעם נסיון
פֿון דײַן געבאָט,
אין גרויסן גאָרטן?
ער האָט דאָך ליב געהאַט
זײַן חוה.
געפּרוּווט האָסטו אים און געשטראָפֿט,
און אים געהייסן זײַן
אין גרוש —
אַ גייער:
זאָלסט גיין,
און אויפֿגיין און פֿאַרגיין.
אַזוי גיי איך.

ווי אדם וועל איך גיין,
און גרייט זײַן,
דעם גאַרטל שטאַרקער בינדן
אַרום מײַן גוף,
און טראָגן אויב מען מוז
די געלע לאַטע פֿון גהינום.
איך גיי,
ס'איז גוט אַזוי.
פֿון ווײַטנס קלינגט
דאָס גלעקעלע פֿון גלאָז
מיר צו אַ ליד פֿון רו,
און שטאַרקט מיך אויפֿן וועג
ווי דו.

ד.

הײַם בּרעג פֿונעם דרויסן,
און אדם דערגייט
צום קוואַל פֿון זײַן דאָרשט.
אַריבער די דאָ-בערג
און דאָרטיקע טאָלן,
אויף שטערן-דמיונות און לאַנען,
פֿאַרבלענדט פֿון די הימלישע ליכטער,
דערפֿירט עס אים דעמאָלט
צו אַ דערנער-געצעלט,
צום דאַך פֿון זײַן דאָזײַן,
און טוט אויס די שיך.

זײַן אומעט אַ דװינע,
די דװינע —
דער אומעט פֿון דיכטער,
דער אומעט,
און איך.
אין בלױלעכן דעמער שטײט אדם,
און דאַװנט אַרײַן זיך אין רו,
און פֿליט מיט זײַן חוה'ן
אַרויף אין די שטערן־דמיונות
און לאַנען,
װי איך און װי דו.

ה.

און אדם הייבט
די הענט צום הימל אויף...
ס'איז האַלבער טאָג דאָ הי,
די צווייטע העלפּט פֿון הײַנט
הענגט נאָך
פֿון יענער זײַט העט-העט,
און ביזן אָוונט איז נאָך פֿרי.
ס'איז שטיל אַרום.
נאָר אין די הויכע הייכן,
הילכט אָפּ
מיט האָפֿענונג זײַן האַרץ.
ער האָפֿט
זײַן חוה וועט
אויף איר נסיעה

אין העטלאַנד,
זייַן ליבע היטן,
ווי ער היט אָפּ
דאָ אין דער היים
איר בילד —
דאָס הייליקע אין זיך.
אַזוי האָף איך.
נאָר ווען די האַלבע נאַכט
לאָזט זיך אַראָפּ,
האָרכט אדם
צי ס׳הערט זיך ניט
אַ ווידערקול פֿון חוה׳ס האַרץ...
האַלוצינירט,
צי איז עס חלום,

אַז אויפֿן האָרב
פֿון האָריזאָנט,
זיצט חוה און פֿאַרקעמט
מיט שטערן אירע האָר.
אַזוי מאַך איך די אויגן צו,
און שוועב איצט צווישן טרוים
און וואָר.
די וואָר און טרוים —
ווי איך און דו.

ו.

פֿון ווילדן וואַלד אַרויס,
און אדם לאָזט זיך איבער באַרג
און טאָל.
זײַן וועג איז וואַנדערווײַט.
דער שטויב
פֿאַרגייט אין ווײַנרויט
און סאַמע וויאָלעט.
אויף ווערבע-צווײַגן וויגט
דער ווינט די צײַט.
און אדם פֿילט עס מיטאַמאָל...
די וועגן פֿירן איצט צו איר.
ער הערט זי אויך
אין אייגענעם ווידערקול.
זײַן ליד אין אים
ווערט פֿון אַ קוואַל

אַ וואַלנדיקער וואַסערפאַל.
און פֿאַלנדיק פֿון פֿעלדזנשטיין,
ווערט ער
ווי תּאווה-בענקשאַפֿט ווילד
און גיך.
אַזוי ווער איך.

האַרבסט טריפֿט אַראָפּ
אין ווילדוואַלד ווילדן וואַלד.
ס'איז ווערסנע אין
דער ווײַטער ווײַט.
ס'וועט וויִען באַלד
פֿון ערגעץ-ווו,
אַ ווינטערדיקע ווײַסע רו.
אויך פֿאַר דער אומרו קומט אַ צײַט.

ס'פֿאַלט אדם מיד,
און חוה דעקט אים מיט
אַ וואָלקן פֿון אָקטאָבער צו.
צי ווייסטו דען ניט ליבסטעניו,
אַז אדם און זײַן חוה קרוין,
דאָס זײַנען מיר דאָך,
איך און דו.

ז.

אַזוי האָט זאַראַטוסטראַ,
דער זעער,
געזאָגט:
זאָל זײַן...
דאָס איז דער זין פֿון זײַן.
אַ נײַער מאָרגן טאָגט,
און אדם זוכט אין זיך
און אין זײַן חוה,
זײַן זיווג —
זײַן גאָרטן,
ער זאָל דעם זאַפֿט פֿון זרע —
די זריעה אין די בייטן
פֿאַרזייען,
פֿון יעדן דור.

און זאָל זײַן גבורה
אויף אַלע פֿעלדער פֿון זײַן היימלאַנד,
אין אַלע וועלדער
פֿון וואָגלעניש און קיינלאַנד,
ווי אַ זכר פֿון גאָט׳ס זאַלבונג
געדייען,
זיך אומעטום צעשפּרייטן.
אויף אַלע וועגן פֿון דער צײַט,
אויף אַלע שטעגן נאָענט און ווײַט.

און זאַראַטוסטראַ האָט
אין זעניט פֿון זײַן זוכעניש
אַזוי געזאָגט:
דער סוד פֿון דעם
זינגט דאָך אַראָפּ אויף דיר
פֿון אויבן,

ווי זיבן הימלען,
ווי זיבן זונען.
די ליבע זוך —
געזאַנג פֿון די געזאַנגען.
און זאָלסט צו איר
דײַן אויסדערווײלטער און
געזאַלבטער,
דורך פֿײַער
פֿון בענקשאַפֿט און פֿאַרלאַנגען
דערגיין,
פֿאַרגיין.
די ליבע אָבער זוך.
אַזוי זוך איך.

ח.

חצות אין חודש חשון.
די מיטן נאַכט
צעשפּרייט די הימלען
אין חשבון-לאָזן חשבון,
אַ טונקל-בלויע חופּה
מיט שטערן,
וואָס ווערן
ווי חיריקלעך
אין גרויסן דרויסנדיקן אלף-בית.
ס'איז שטיל אַרום.
די שטילקייט אָטעמט נאָך
מיט שבת קודש.
און אדם חלומט אַז זײַן חוה,
איז יענער באַרג
פֿון האָריזאָנט...

ס'איז דאָך איר לײַב,
ווי אַמאָל
אין נײַנטן חודש.
ער חלומט און פֿאַרחלומט זיך —
זײַן חוה גייט אַצינד
אין אַ געזאַנג
פֿון בענקשאַפֿט מיט
איר ליבעליד צו קינד.
דאָס חלום איך.

ט.

ס'איז האַרבסט.
נאָך טליִעט יעדער בוים.
דער אומעט טריפֿט
פֿון באַרג אַראָפּ אין טאָל.
אויך אדם פֿילט די וועסנע צײַט
אין ריטם, טראָפּ פֿון זײַנע טריט.
בײַם טויער טרוים
בלײַבט ער אַ טרויעריקער שטיין,
און טראַכט,
ווי קיין מאָל אַזוי קלאָר:
אין טאָלק פֿון לעבן טרעט
אויף טונקלע טרעפּ,
דער טויט.

נאָר חוה טרייסט
און טענה'ט צו איר טרובאַדור:
דער האַרבסט איז אויך
די צייַט פֿון טוי אויף זיסע טרויבן,
דאָס מילגרוים-רויט,
אין שקיעה'דיקע שויבן.
דער האַרבסט
איז יעדער טאָג וואָס טאָגט
אַרויס פֿון אַ טומאַן.
אַ טונקל-טריבער טראַקט
פֿירט דורכן האַרבסט,
דורך מילגרוים-רויט
און טערפּקע טעמען,

צו אונדזער היים
וואָס האָט קיין דאַך,
צו אונדזער גאָרטן אָן אַ פּלויט,
נאָר ווו די בענקשאַפֿט —
אַנטפּלעקט אין יענעם הויז
אַ טיר,
פֿון מיר צו דיר,
פֿון דיר צו מיר.

י.

פֿון ברעג
ביז יענער זײַט פֿון ים —
אַ ים פֿון ימען,
פֿון יום-טוב און יסורים.
נאָר אדם יאַוועט זיך
ווי אַ יונגער בויגעוודיקער מאַסטבוים
אין יאוש׳דיקן שטורעם.
און חוה שטרעקט מיט יראה
צו אים איר האַנט,
ווי גאָט
אין טאָג פֿון דער יצירה.

ליבע,
איך בין דאָך אדם'ס יורש.
אַזוי וויל איך
דייַן מאַסטבוים זייַן,
פֿון ים צו ים,
אין חלום, וואָר,
און זיך אַנטפּלעקן
פֿאַר דיר באַנייַט,
פֿון יאָר צו יאָר.

כ.

אין כמורנע טעג,
ווען ס׳גייט אָקטאָבער כמאַרנע אויס,
שפּאַנט אדם איַין
די טונקל-גרויע כאַאָס-פֿערד.
מיט נעפּל-פּאַרע אָטעמט
זיַין אומרו אים פֿאָרויס.
דורך אַלע וואָלקן-שפּאַרעס
יאָגט ער זיך מיט די ווינטן דורך,
און לאָזט זיך מיטן ערשטן כליאַפּ
פֿון כאָרכלענדיקע כמאַרעס,
אַראָפּ פֿון אויבן.
נאָר חוה בענקט
אַליין אין הויז.
זי וואַרט און זוכט,
און ווישט

דעם אומעט פֿון די שויבן,
ביז אדם כאַפּט
זיך נאָכן וויכער
ווי פֿון אַ חלום אויף.
ער קושט די רו
אין אירע אויגן,
און חלומט ווײַטער.
ס'קאָן זײַן,
אין כמורנע טעג פֿון האַרבסט
וועל איך ווי אדם זײַן,
צעכראַסטעט,
אַ כמאַרע-רײַטער.

ל.

ווּ ליבע, דאָרט איז ליכט פֿאַראַן.
און אדם לאָזט
זיך אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן.
ס'קאָן זײַן
אַז די לבנה-קאַץ
לויפֿט אים אין לעבן נאָך
אויף יעדן לאַן,
פֿון לאַנד צו לאַנד.
און חוה וואַרט אויף אים
בײַם סאַמע ראַנד
פֿון אַלע זײַנע וועגן.
איר ליבשאַפֿט לײַכט
מיט יעדן ליכט
אין הימל אויף,
אין שטערנדיקן רעגן.

צי איז עס ניט
דאָס ליד פֿון לידער,
וואָס לײַטערט זיי בײַנאַנד?
און חוה לייגט פֿאַר אים
די בלויע לאָנקעס אויס.
וואָס אדם וויל,
דאָס לייענט זי אויף
די ליפּן,
און זי אַנטפּלעקט
פֿאַר אים די סודות פֿון איר שויס.
לבנה-קאַץ —
ווי אַ לץ,
מאַכט שטיל די לאָדנס צו,
און לאָזט
זייביידן איצט צורו.

מ.

די מורא קומט צומאָל,
זי זאָל מגלה זייַן
ווי נאָך אַ מבול:
די מעווע אויפֿן מאַסטבוים
אין סאַמע מיטן ים —
אין מדבר, מן
פֿאַר מידע, שמאַכטנדיקע —
פֿאַר מוטנע גייערס אין דער נאַכט,
דעם מילכוועג
אין גרויסן דרויסנדיקן לאַן —
פֿאַר מוטלאָזע
אַ נייַעם מאָרגן.
און אדם וויל דעם סוד פֿאַרשטיין...
דעם משל מענטש,

מיסטעריע פֿון דער מעשׂה,
דעם מיין פֿון זיך אַליין.
ער טראַכט:
צי איז עס דען אַ משוגעת,
אין מיטן מזמור׳דיקן לעבן
אַ דין-וחשבון מאָנען?
memento mori

אַן ענטפֿער מאָנט ער פֿון זײַן בורא.
נאָר חוה לייזט אים אויס
פֿון זײַנע מאָדנע צווייפֿלען,
און פֿון זײַן מרה-שחורה.
מיט מילדע מאמין-אויגן קוקט
זי אויף איר אדם...

ווי דו מײַן ליבע קוקסט
אַצינד אויף מיר:
אַזויפֿיל מײַלן זײַנען נאָך אין וועג,
אַזויפֿיל מײַלן גייט
מײַן ליבע דיר.

נ.

ווען ס'נידערט אין פֿאַרנאַכט
די זון אַראָפּ אין נאַדיר,
רויט,
אַזוי ווערט אדם נע-ונד צומאָל,
און נעלם אין זײַן איינזאַמקייט
און נויט.
און אַלץ וואָס איז אים נאָענט,
ווערט נעפּלדיק
ווי נעכטן.
און אדם הייבט זיך אָן צו שעמען,
ווי ער וואָלט איצט
אין נאַקעטקייט געשטאַנען פֿאַר
זײַן ליבן נאָמען.

און עפּעס נאָגט און פּלאָגט
אין סאַמע אינעווייניק:
אַז יעדער נײַער ניגון
זינגט אויפֿן קבר פֿונעם נעכטן, —
די זון
מוז נאָכמיטאָג פֿאַרגיין,
און יעדער יאָ —
אין נאַדיר פֿונעם טאָג
ווערט ניין.
נאָר אַז די נאַכט
קומט שטיל אין הויז אַרײַן,
וואַרט חוה, די געניטע בריאה,
אויף אים שוין מיט אַ גלעזל ווײַן.

זי ניכטערט אים
אין אירע אָרעמס איַין,
און ליבע איז נבואה,
און חוה זיַין נביאה.
אַזוי זיַי דו
אין רגעס פֿון מיַין איינזאַמקייט,
פֿון נויט און שקיעה...
מיַין ליבע
און נביאה.

ס.

ס'איז סאַמע סדרה טאָג.
קיין סימן מער פֿון נאַכט.
ס'האָט אדם שוין דעם ספֿר
פֿון זײַנע ספֿקות
פֿאַרמאַכט.
ער שפּאַנט
אַרויס אין סאָד,
צום עפּלבוים
וואָס קאָרטשעט זיך
פֿון יאָר צו יאָר,
און בענטשט דעם סכום
פֿון בורא'ס גנאָד.
ער שפּאַנט אַרויס
אין פֿעלד פֿון וואָר.

אין האַנט זייַן סערפּ,
און חוה׳ס קוש
נאָך אויף זייַן קאָפּ.
זייַן פֿרייד
איז ווי דער סדר טאָג
וואָס בינדט
די סנאָפּעס, סנאָפּ צו סנאָפּ.
איין סטויג
באַהעפֿט זיך מיט אַ צווייטן סטויג.
פֿון ווייַטנס קוקט אים חוה צו...
זי איז דאָס ווייַסל,
און אדם דער שוואַרצאַפּל
פֿון אויג.

איר בליק
נעמט אים מיט רו אַרום.
אַזוי
רוף איך דײַן נאָמען,
אין סאָד פֿון מײַן נשמה,
אין ווייצנפֿעלד פֿון חלום,
קום.

ע.

און חוה טרייסט:
זע אדם מייַן,
ס'איז נאָך ניט פֿול
דער עמער,
און ס'ענדיקט זיך
נאָך ניט דער וועג.
ביז ערב אָוונט,
וועט קומען נאָך
דער רויטער דעמער,
און זיך צעשפרייטן אויף
דער ערד,
פֿון עק צו עק,
פֿון ברעג צו ברעג.

און אדם טרינקט
דעם ענטפֿער אויס
אַ דאָרשטיקער פֿון אירע ליפּן.
אין גאָרטן פֿאַרן עפּלבוים,
וואָס קאָרטשעט זיך צונויף
פֿון עלטער,
בלײַבט ער ווי פֿאַרן סוד
פֿון אַן עניגמע שטיין,
און ווייסט ניט צי ס׳איז וואָר
צי טרוים...
דערמאַנט זיך אַז
פֿון יענער פּרי,
האָט זיך געגלוסט
ערשט נעכטן פּרי.

ער האָט זי ליב,
און נעמט אויף זיך
אויך הײַנט די שטראָף.
ליבע,
ווי אדמ׳ס גורל,
אַזוי האָב איך אויף זיך
גענומען יענעם עוֹל.
און דאָס זאָל זײַן
מײַן עפּיטאַף.

9.

איינמאָל גאַנץ פֿרי,
ווען פֿאַסטוך אדם איז אַרויס
אין פֿעלד,
די שאָף און ציגן פּאַשען,
האָט חוה'ן זיך פֿאַרגלוסט
פֿון יענעם בוים צו נאַשן.
אַ פּאָעטעסע אין איר האַרץ,
האָט זי די פּרשה
באַפֿרייַט פֿון אַלע פּענטעס —
(דעם פּרוש)
אַרויסגעפֿירט פֿון (   )
פּאַרענטעז:
מייַן אדם האָט צוויי אויגן,
און גיט זיך ניט קיין עצה.

די ברוסטן,
דעם וואַלד
פֿון אונטערן פּופּעק זעט ער ניט,
און דרייט מיר אויס
אַ פּלייצע.
ער אָטעמט איַין
די בלומען,
דעם בעז,
און האָט אַפֿילו ניט דערפֿילט,
אַז ליבע אָטעמט אויס
פּאַרפֿומען.
און חוה שפּאַנט צום בוים,
און בײַסט אַרײַן אין יענער פּרי.
זי הערט
דעם הימל ווי דעם שוואַרצן קאָטער.

און ווען איר פֿאַסטוך איז
אַהיים געקומען פֿון דער פּאַשע,
האָט זי אים גלייך
געפֿירט צום פּיפּערנאָטער,
און אויך פֿאַר אים
פֿאַרקאָכט אַ קאַשע.

מײַן ליבע,
מיר האָבן ביידע
אַרײַנגעביסן אין דער פּרי,
און זיך דערקענט.
אין אונדזער גאָרטן
צעבליט זיך איצט
אַן עפּלבוים,
ווי׳ן ערשטן בלי.

פֿ.

און אדם איז אַרויס
פֿון פלאָנטער.
די „פ"
איז אָן אַ פּינטל,
איז „פֿ" און פֿרײַ.
זײַן חוה האָט פֿאַר אים
ווי קיינמאָל זיך אַנטפּלעקט,
און שפּאָגל־נײַ.
דערזעט ער מיטאַמאָל
איר גוף,
און ווער עס זעט
איר נאַקעטקייט אַזוי,
וועט אויך איר פֿרוילעכן פֿאַרלאַנג
אין אַלע פֿאַלדן,
אין אַלע פֿאָרמען פֿילן.

פֿאַנטאַזיעס פֿלִיִען
מיט פֿליגל פֿון אַ פֿידל,
און אדם קאָן
זײַן חלום-פֿוגע שפּילן.
מיט אירע האָר
לאָזט ער אין ווינט
זײַן בענקשאַפֿט פֿלאַטערן.
און ווען די פֿינגער זוכן
אַ וועג צו פֿרײַהייט,
דערלייזונג,
אין יעדן ווינקל
פֿון ווענוס-באַרג,
אין יעדן פֿאַלד —
ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער
אין אַ געדיכטן וואַלד,

דערהייבט אין הימל זיך
אַזאַ געזאַנג...
און גאָט אַליין,
וואָס האָט געוואָרנט דרײַמאָל ניין,
קאָן אדם און זײַן חוה
אַצינד פֿאַרשטיין.
אַזוי
פֿיל איך זיך נאָכן פלאָנטער
פֿרײַ.

צ.

אָ גאָט,
ניט צאָרענען זאָלסטו אויף מיר.
צי בין איך ניט
דײַן צלם פֿון יצירה?
האָסט מיך באַשאַפֿן
אין צייכן
פֿון צירה,
איך זאָל ניט זײַן
ווי אַ ציגײַנער אין מײַן איינזאַמקייט.
דו האָסט פֿאַרצייכנט מיט צרופֿים
אויף פּאַרמעט פֿון דער צײַט,
אַז ער און זי: מיינט זיי...
ווי צווײַגן אין דער צווייזאַמקייט.
אָ גאָט,
ניט צאָרענען זאָלסטו אויף איר.

אויך זי, מײַן חוה איז
אַ פינטל אין דער צירה.
צי האָסטו ניט אַליין
באַשאַפֿן די עבירה?
צי האָט זיך ניט פֿאַר מיר
אַנטפּלעקט —
ערשט דעמאָלט נאָכן חטא,
די ליבע —
ווי צאַרטער צוויט וואָס צירט
מײַן ציטרין-בוים אין סאָד?
אָ לאָז
די ליפּן מײַנע צערטלען
דעם צאַרטן סוד
פֿון אירע ציצעלעך.

און ווי דער צפֿון-ווינט
לאָז מיך צעבלאָזן
די שיינקייטן
פֿון דער עבירה.

מײַן ליבע,
אויך איך דאַנק גאָט,
און דיר דערפֿאַר.
דײַן ליבע האָט מיך אויסגעלייזט
פֿון צונטער-פֿלאַמענדיקן צער.

ק.

און ווען דער אייבערשטער —
דער קאָסמישער קאָאָרדינאַטאָר,
האָט אדם'ען אין גאָרטן
ווי אין זײַן קראָם
אַרײַנגעפֿירט,
און אים געהייסן דאָרטן
די קאָנטע-ביכער פֿירן,
האָט ער אים אָנגעזאָגט אַזוי:
פֿון יעדער סחורה קען
דער קונה קויפֿן.
צו איינער אָבער איז אַ חטא —
אַ שאַנד
זיך צוצורירן...
(ס'איז קאָנטראַבאַנד).

און אדם —
אַ טשערנאָוויצער מיט
אַ יעקע־קאָפּ,
~~מיט אַ יעקע־קאָפּ~~
האָט אַלץ געטאָן
וואָס גאָט האָט אים געבאָטן,
און קיינמאָל ניט אַריבערן שוועל
פֿון סוד
אין קראָם געטראָטן.
נאָר חוה האָט געקלערט
טאָג איין טאָג אויס —
איר אדם טראָגט אַ קרוין פֿון בליי,
און קייטן טראָגט ער אויף די הענט —
אין האַרצן קרעכצט ער, מיד
נאָר ווי אַ קנעכט.

אַ קאָוונערין איז זי,
פֿון ליטע...
פֿאַרשטייט זי וואָס ס׳איז גוט,
און שלעכט,
נאָר ניט דעם בוֹרא׳ס „ניטע״.
און ס׳פֿליט איר דורכן קאָפּ אַצינד
אַ ליכטיקער קאַפּריז.
זי קוויקט זיך אַזש,
און לאָזט
אויך אדם׳ען זיך קוויקן.
זי גייט צו גלײַך צום קוואַל,
און שעפּט,
און טרינקט
פֿון אים מיט גלוסטנדיקע בליקן...
און מיטאַמאָל
זאָגט זי צו אדם אויך:
פֿאַרזוך עס „ביטע״.

דאָ ענדיקט זיך
דאָס צוואַנציקסטע קאַפּיטל.
איך קוש מײַן ליבע,
דײַן קאָוונער קעפּעלע.
טו לאָמיר טרינקען.
דײַן קוש
איז אונדזער קוואַל.
דײַן ליבע
אַ קערניצע
מיט קידוש־ווײַן.

ר.

עס איז געווען
דעם בורא׳ס רצון,
אַז אינעם זעקסטן טאָג
פֿון שאַפֿן,
זאָל ער דעם מענטש —
דעם ערשטן מאַן,
פֿון רויער ערד,
אין צלם פֿון
זייַן אייגענער געשטאַלט
באַשאַפֿן.
דערנאָך האָט גאָט
פֿון אדם׳ס ריפּן...
די שענסטע אויסגעזוכט,
און אין זייַן חוה׳ן

אַרײַנגעאָטעמט רוח-חיים.
געבענטשט האָט ער
די רײנסטע פֿרוי
מיט רײץ
אויף אירע רויטע רויזן-ליפּן...
אַזוי רעדט װײַטער דער ראָמאַן.
און דער באַשעפֿער האָט פֿאַר זײ
דעם שענסטן גאָרטן
אַנטפּלעקט
אין דעם יצירה-רינג,
און זײ געבענטשט מיט רו —
די רו װי ראָסע פֿריש,
און רײן
און אומבאַפֿלעקט.

נאָר דעם רעפּריין
פֿון ליד,
האָט גאָט אין רוים
פֿאַרזיגלט ערגעץ-ווּ,
מיט זיבן זיגלען —
און אַלע טירן צו דעם בוים,
פֿאַרריגלט
מיט זיבן ריגלען.

דער רינג איז רונד,
און ענדיקט זיך
ווּ ס'הייבט ערשט אָן דאָס ראָד.
און אדם,
דער ערשטער —
פֿון רויער, פֿרישער ערד אַרויס —

רעדט ווײַטער:
וואָלט חוה ניט דערהערט
נאָך ראַנגלעניש
דעם רוף,
און וואָלט ניט אויסגעלייזט
דעם בוים אין סאָד,
ווי וואָלט געווען דער סוף
פֿון אייביקן ראָמאַן.

געליבטע,
דאָס רעד איך איצט צו דיר.
איך וויל אַצינד
צו דיר אַרײַן...
טו עפֿן אַלע זיגלען אויף,
און אַלע ריגלען פֿון דער טיר.

ש.

דער דעמער שטייט
שוין פֿאַרן שוועל,
און וויל צו אים אַרייַן
מיט שקיעה-רויט.
דורך טונקלענדיקע שויבן
פֿון זייַן צעל,
שפּאַנט אדם אינעם שייַן
פֿון ערשטן שטערנדל אַרויס.
ער בענטשט:
די וועלט איז שיין...
און שעפּשעט שטיל
צו זיך אַליין:
ס'איז שיין די וועלט,
ניט שעלט די שלאַנג,
ניט שעלט.

ניט שוידער פֿאַר דער שטראָף.
דער בורא האָט אויך זי
באַשאַפֿן אויף זײַן שטייגער.
און ווי דער אָנהויב —
אַזוי וועט זײַן דער סוף.
ניט שעם זיך מיט דער שאַנד
פֿון יענער שעה...
וואָס האָט אין פֿלאַמענדיקן זייגער
פֿון גרויסן-דרויסן-טורעם,
געקלונגען זיבן מאָל...
ווײַל אינעם שורש —
אין שויס פֿון ליבע,
איז אויך די תאווה דאָ,
און שטורעמט ווי
אַ זומערדיקער שטורעם.
ניט שעלט די שלאַנג.

ליבע,
דײַן וועג איז אָנהויב,
און ווי דער ערשטער שטערן-שײַן.
ביז צו דעם צווייטן פֿון פֿאַרגיין,
איז אונדזער וועג
נאָך לאַנג.
ניט שעלט די שלאַנג.

ת.

אָ גאָט,
דו האָסט אַרייַן געאָטעמט —
אין דער נשמה פֿון דער „ת״
די תאווה.
ווי קאָן איצט זייַן אָן איר
מייַן אהבה ?
צי קאָן איך
דעם תּוכן פֿון מייַן תּיקון
דען אַנדערש תּופֿס זייַן ?
אַז תּחילת
בין איך אין תּהום
פֿון איינזאַמקייט אַרייַן,
האָסטו מיך אויסגעלייזט
דורך איר,
פֿאַר איר,
מייַן חוה.

אָ בּוֹרא,
באַשעפֿער מײַנער,
דעם צדיק גיב דײַן תּוֹרה,
דער צנועה לאָז די מוֹרא,
נאָר מיר פֿאַרשרײַב
אין ספֿר פֿון מײַן תּיקון —
די תּאווה.

מײַן ליבע,
דו זײַ מײַן מאָרגן — און
מײַן אָוונטיקע תּפֿילה.
דער קרוג איז פֿול
מיט תּאווה-װײַן.
לאָמיר קײנמאָל
ניכטער זײַן.

דער בוים

דעמערנדיקער בוים

פאַר שלמה ביקל
מיט ליבשאַפט, 1966

א.

באַלד הער איך שוין
מייַן אייגן לשון קוים.
נאָך רעד איך רוישנדיק,
און ס'זינגט פֿון מיר אַרויס
דער אומרו-בוים.
איך פּרוּוו די קרוין —
פון צווייַגן אויסגעשטערנטע,
אין דעם צעבלי צו צאַמען...
אין מורא
כ'וועל זיך אַליין פֿאַרזאַמען.
די צווייַגן אָבער וואַקסן —
צעוואַקסן זיך
אין דעם זעט-העט פֿון רוים.
נאָר מייַנע וואָרצלען —
עקשנות'דיק אין אָנהויב,
ווי אַמאָל אין בוקאָווינער ערד,
דערגראָבן זיך,
צעוואַקסן זיך,

אַלץ טיפֿער אין דער ערד;
נאָר זיי פֿאַרוואָרצלען מיך
און האַלטן מיך אין צוים.
אָט דאָס בין איך —
אַ דעמערנדיקער בוים.

ב.

וווהין ?
האָב איך געפֿרעגט מײַן בוים,
ווי זיך אַליין.
כ׳געדענק
ווי דעמאָלט,
די רגע הײַנט...
איך בין געשטאַנען ציטערנדיק,
געפּרווט דעם זין פֿאַרשטיין.
דער בוים אין מיר
איז נאָך געשטאַנען אָנהויב-גרין.
דורך שויבן
פֿון בלעטערנדיקן בליק,
האָב איך דערזען
אַ ווײַטן און געדיכטן וואַלד,
און דו ביסט אין דער ריי
אַ טייל פֿון וואַלד געווען.
די מורא האָט אין מיר
שוין ניט גערוט —

אַז יענע צוויַיגן-וועלט
איז שטערן-וויַיט,
און אַז דער וועג איז פֿרעמד,
פֿאַרוואַקסן און פֿאַרשטעלט.
האָב איך פֿאַרוואָרצלט זיך
אין בלויע לאַנען.
היַינט בענטש איך דיך,
אָ בוים פֿון יענעם וואַלד,
וואָס האָסט דעם יונגן בוים
אין מיר פֿאַרשטאַנען.

לייוויק־בוים

א.

אַרויס-געשפּראָצט צום ליכט פֿון דײַנע הענט,
אַ פּאַלמענבוים אין זכות פֿון דיר ה. לייוויק.
איז ער אַן אָנזאָג אַז דײַן דור איז אייביק,
צי וואַקסט דאָ אַ לעגענדע צווישן ווענט?!

די סטעליע בלויט אין סאַמע אינעווייניק
פֿון הויז. דײַן אויג האָט אויך די זון דערקענט.
צי איז עס יענער דערנער-קוסט וואָס ברענט?
דײַן פֿאָלק, דײַן דור, און דו — אָ, דרײַמאָל הייליק.

דו שטייסט פֿאַר מיר און רעדסט צו מיר ווי תמיד.
דער פּאַלמענבוים אַנטפּלעקט דיך אויף זײַן שפּראַך.
די גרינע בלעטער און מײַן בלויער אומעט

צעשפּרייטן די צוואה ווי אַ דאַך...
איך זאָל די וואָרצלען היטן אין דער וואָר.
דײַן בוים זאָל וואַקסן שטאָלץ פֿון דור צו דור.

ב.

דײַן בוים זאָל וואַקסן שטאָלץ פֿון דור צו דור,
האָב איך זיך אָפּגעשיידט פֿון יענע וועגן
וואָס פֿירן ניט צו דיר, און כ׳גיי אַנטקעגן
דײַן פּאַלמע וואָס צעפּעכערט זיך פֿון יאָר

צו יאָר. איך זוך דעם סוד פֿון איר מקור.
אין דער אַנטפּלעקונג קום איך איצט דיך פֿרעגן,
צי איז דאָס אמת אַז אַ שטערן־רעגן
פֿאַלט איצט אויף איר און רופֿט אויס: יהי אור.

צומאָל דערפֿיל איך דיך ווי פֿאָטערשאַפֿט,
ווי כ׳וואָלט פֿאַרוועבט אין זיך דײַן יעדן ציטער.
און ווי אַ בלעטל וואָס גייט אויף... דעם זאַפֿט

צי איך אַרויף אין זיך, און אַ צעבליטער,
ווער איך אַ טייל פֿון גרינעם פּאַלמען־פּעכער.
נאָר ווי אַ חלום הייבסטו זיך אויף העכער.

26 אַפּריל 1967

דער שאָטן

A KING WEARS MY YELLOW PATCH

dedicated to the

PEOPLE OF DENMARK

אַ קיניג טראָגט מיין גרעלע לאַטע

די טונקלע כמאַרעס
אויף שטאַרבנדיקע הימלען,
האָט מיטאַמאָל
אַ גאָלדן ליכט צעשפּאַלטן.
דאָס פֿאָלק פֿון דענמאַרק,
אין ריי מיט מיר,
ווערט איינס מיט מיר,
און שפּאַנט
אויף וועג און שטעג
פֿון גסיסה-טאָל.
אַ קיניג טראָגט
מייַן געלע לאַטע.
דאָס ליכט פֿון נביא
אין זייַנע הענט,
העלט אויף
אַ קאָנטינענט,
אַ חורבן,
אַן אַלטן.
און קינד און קייט
דערקענען מיטאַמאָל
די שליאַכן אומעטום.

נאָר ערגעץ שטייט
דער שוואַרצער תליון גרייט,
און רײַסט
די לעצטע געטאָ-בלום.
מיט מיר אין ריי
איין מחנה שפּאַנט.
דאָס פֿאָלק פֿון דענמאַרק
נעמט אָן מײַן האַנט.
אַ קיניג טראָגט
מײַן געלע לאַטע,
און ירמיה׳ס קול
דערציטערט באַרג און טאָל.
די שליאַכן, ברודער מײַן,
זיי פֿירן צו
אַ שוואַרצער וואַנט.
אַ קיניג אָבער שעמט זיך ניט,
און דענמאַרק שעמט זיך ניט...
אַ געלע לאַטע טוט
ער אָן.

דער רויך
פֿון קרעמאַטאָריע־קוימען
דערשטיקט די לופֿט,
געדיכט
און שוואַרץ.
נאָר דורך די טונקלע וואָלקנס —
אַ גאָלדן ליכט,
אַ קיניג׳ס האַרץ.

אַ שיפל פון פּאַפּיר
שפּאַלט איצט דעם ים

ווי פּאַר אַ שטורעם
הענגט שווער די לופֿט אַראָפּ —
אַ גרויער וואָלקן בלייַ.
אַ דושנער ריח טויט
הילט אײַן דעם שליאַך,
הילט אײַן די וועגן.
דער אָטעם פֿון אַ מאַסן-קבר
הויכט איצט דער וועלט אַנטקעגן,
און טריפֿט אַראָפּ פֿון ס׳נייַ.
די פֿוילע לופֿט
ווערט דושנער נאָך.
פֿון ערגעץ שטראָמט
אַ הייסער בריז —
ווי ווייַרעך...
און ס׳דוכט זיך מיר
אַז אומזיכטבאַרע גלעקער קלינגען.
די גלעקער קלינגען,
כאָטש ס׳איז ניט זונטיק,
נאָר סאַמע מיטן וואָך.

ניט ווײַט
אַ וואַלד פֿון סאָסנע-ביימער.
און לעבן וואַלד
בײַם ראַנד —
אַ באַרג מיט שוואַרצער ערד.
נאָר פּלוצעם וואַקסט
פֿון מיטן ערד אַרויס
אַ האַנט,
אַ מאָדנע בלום אין וואָר.
דערנעבן וואַקסט בײַנאַנד —
אַ רידל וואַקסט אַרויס,
און ביידע ווערן איינס
אין דעם קאַיאָר.
זיי גראָבן גאָר ניט לאַנג,
און ביין
באַווײַזט זיך נאָך אַ ביין,
און שאַרבן שטאַרצט
אַרויס נאָך שאַרבן —
פֿון אונטערן ביינערבאַרג אַרויס.
עס שטייען מיט אַ מאָל
פֿון מאַסן-קבר אויף
די טויטע,
און שטעלן זיך
אין רייען אויס —
מאַרשירנדיקע טויטע.

אַ גוף׳ל פֿון אַ קינד
וואָס האָט קיין צײַט געהאַט
אַ גוף צו ווערן,
פֿירט אָן די מחנה גופֿים
וואָס מערן זיך און מערן.

נאָר אויפֿן שליאַך
וואָס פֿירט אַרײַן אין שטאָט,
שטייט אַ פּאַטרול
פֿון זעלנער אויף דער וואַך...
נאָר קיינער פֿון די וועכטערס
דערקענט די מחנה הײַנט,
ווײַל קיינער זעט
די ביינער גופֿים ניט,
ווײַל קיינער הערט
ניט זייערע טריט.
איך אָבער דאָ,
דערקען זיך באַלד
אין יעדן שפּאַנענדיקן ייִד.
ווי ס׳צאַנקט
דאָ אויפֿן שוואַרצן בוים,
מײַן אומעט-ליד.
— — — — — — — —

די מחנה וואַקסט
און וואַקסט,
נאָר קיינער הערט
דעם אוראַגאַן פֿון טריט —
פֿון אַן אַרמיי,
פֿון זעקס מיליאָנען.
ווי ס׳פֿלאַטערן
אין בלויען טאָג אַרייַן
אַ מחנה ווייַסע פֿאָנען:
אַ ווינדל פֿון אַ נייַ געבוירן קינד,
אַן אַלטער טלית שוועבט
אין לעצטן וואָרט „שמע״,
אַ חופּה־קלייד
צעכליפּעט זיך אין ווינט...
די כּלה,
האָט ניט דעם טאָג דערלעבט,
און נאָך און נאָך.
סאַראַ פּאַראַד —
אַ מאַרש פֿון טויטע גופֿים,
דערצו אין סאַמע מיטן וואָך.

נאָר מאָדנע איז צו זען
ווי קיינער קוקט
אַפילו זיך ניט אום
צו די מאַרשירנדיקע —
די טויטע פֿון אַרום.
און קיינער הערט
דעם שטומען אויסגעשריי
פֿון וויי,
און פֿון פּראָטעסט.
אַזוי מאַרשירן
די אומגעבעטענע אַדאָ —
די זעקס מיליאָנען געסט.
צוויי פֿרומע נאָנעס
פֿאַרהילט אין שוואַרץ,
פֿאַרקוקן, צלמען זיך באַלד,
ווײַל פֿרום איז זייער האַרץ,
און גייען ווײַטער.
די אַלטע קוקן גיך אַוועק,
ווי ס׳וואָלט אַ ווירבל זיי
אַוועק-געריסן —
זיי ווילן מער ניט זען,
עס פּלאָגט זיי דאָס געוויסן.

און מאַמעס לאָזן קינדער ניט
אַרויס אין גאַס,
זיי זאָלן קיין מאָל פֿרעגן:
דעם זין
פֿון משוגעת.

ס'איז מאָדנע דאָ צו זען,
אַז כאָטש דאָס לאַנד
איז אַלץ אַרומגעצאַמט
מיט שטעכלדראָט,
און ס'לויערט אומעטום
דער שאָטן-שד פֿון טויט,
אין יעדן דאָרף,
אין יעדער שטאָט...
צעקלינגען זיך
די חגא-גלעקער הויך.
צי קלינגען זיי
ווײַל יענער קוימען שווײַגט,
און לאָזט מער ניט אַרויס
אַ שוואַרצן, דושנעם רויך?

צי קלינגען זיי
ווײַל ס'שטייען פוסט
די שוואַרצע ווענט ?
ווײַל אויפֿן שטעכלדראָט
דערזעט מען ניט
צוויי צאַנקענדיקע הענט ?

נאָר קיינער דאָ
דערקענט די מחנה הײַנט,
און קיינער זעט
די ביינער-גופֿים ניט,
און קיינער הערט
ניט זייער טריט.
נאָר איך דערקען זיך באַלד
אין יעדן שפּאַנענדיקן ייִד.
ווי ס'ציטערט
דאָ אויפֿן גרויען בוים,
מײַן צווייפֿל-ליד.

— — — — — — — —

אַ מאָדנער רעש —
מאַרשירנדיקע טויטע גופֿים,
וואָס גלײַכן אויס זיך אויפֿן שליאַך —
ווי אויף אַן אַלטן פּאַרמעט
פֿאַרגעסענע צרופֿים.
עס וואַקסט און וואַקסט
אומענדלעך דער פּאַראַד.
נאָר ס׳דוכט זיך,
אַז ניט די טויטע גייערס,
נאָר די וואָס קוקן איצט אַוועק,
אַז זיי גאָר בלאָנקען נע-ונד.

ס׳פֿאַרוואַנדלען מיט אַ מאָל זיך
דער שליאַך,
די שטאָט,
דער בולעוואַר.
אַ האַפֿנשטאָט גייט אויף,
און ס׳וואַלט אַ ווײַטער ים
אַרויס פֿון אָפּגרונט טויט —
פֿון כוואַליע-אָפּגרונט צער.
דער ים צערוישט זיך מיטאַמאָל,
און רודערט אויף אַן אוראַגאַן.

און וואַל נאָך וואַל,
אַ כוואַל׳ און נאָך אַ כוואַל׳,
דער ים זינגט אויס
מיט כוואַליענדיקן ניגון
דאָס ליד פֿון פּאַרטיזאַן.

און זעט,
עס קומען נײַע גייערס אָן
פֿון אומעטום.
פֿון לאַגערס קומען אָן,
פֿון שטעטלעך חרובע,
צעשטערטע שטעט,
און פֿון פֿאַרוואָרפֿנסטן העט-העט —
די אויסגעלייזטע פֿון קאַצעט.
ווי ס׳בלויט די פֿרייד
פֿון פֿרײַהייט איבער זיי.

דאָס חופּה-קלייד —
פֿון קין׳ס הענט
געשענדט, —
דאָס ווינדעלע
פֿון נײַ-געבוירן קינד,

און דער פֿאַרשוועכטער טלית,
זיי פֿלאַטערן אין ווינט:
איין ווײַסע בלויע פֿאָן.

אין אויסגעבענקטן האַפֿן שטייט
די מחנה איצט און זעט
צום ערשטן מאָל אַ שיף —
און סאַראַ וווּנדער...
אַ שיפֿל פֿון פּאַפּיר.

און קינד און קייט
טוט זיך אַ לאָז,
און ס'שיפֿל טוט זיך באַלד אַ ריר...
לאָזט זיך מיט אימפּעט גאָר אַרויס
אויף כוואַליעס פֿונעם ווײַטן ים —
עקשנות אָן אַ שיעור.

נאָר ערגעץ אויפֿן וועג,
בײַם ברעג פֿון אַלטן גריכנלאַנד
שטייט ווער?
צי איז עס ניט
דער אַלטער,
דער זינגער-העלד האָמער?

ער שטייט בײַם ברעג
און חידושט זיך:
אַ שיפֿל פֿון פּאַפּיר
שפּאַלט איצט דעם ים.
און ער —
דער דיכטער פֿון אָלימפּ,
פֿאַרחידושט זיך אַלץ מער,
ווי אינעם ליכט
פֿון נײַעם וווּנדער,
פֿאַרלעשט זײַן ספֿר זיך -
זײַן אָדיסיי.

קאָן זײַן,
אַז פּונקט ווי איך,
דערפֿילט אַצינד
אויך ער,
די אייביקייט אין ייִד —
און אויפֿן מאַסטבוים פֿון מײַן שיף,
די האָפֿענונג —
מײַן ליד.

1966

עליה

ביים שוועל פון אָנהויב

ווי ווײַט ס'איז שוין דער זילבערטײַך לאַ פּלאַטאַ,
און ווײַט איז אויך דאָס לאַנד פֿון גאָלד און שטאָל.
דאָ גיסן זיך אַרײַן אין שמאָלן ירדן,
די ווײַטע, ברייטע טײַכן פֿון אַמאָל.

ווי אַלט ס'איז דער אָמבו אין ווײַטער פּאַמפּאַ,
און אַלט איז אויך די ווערבע לעבן פּרוט, און ווײַט.
דער איילבערט אין גליל שטייט אײַנגעקאָרטשעט,
און וויל ניט וויסן ווי מען מעסט די צײַט.

געליבטע מײַנע פֿון דער ווײַטער פּאַמפּאַ,
בײַם שוועל פֿון אָנהויב שטייט אַ נײַ געצעלט.
דורך דײַנע אויגן גיסן זיך אין ירדן,
די ווײַטע טײַכן פֿון אַן אַלטער וועלט.

אין אַ קאַיאַר פון טוי און טל

די ציטער-לעמעלעך פֿון אומרו,
און שאָף פֿון וואַנדער, האָסטו שוין
דערפֿירט צום קוואַל פֿון אַלע קוואַלן.
דײַן „קאָווע"-היטל צירט דיך ווי אַ קרוין.

בײַם ברונעם, פֿאַסטוכער פֿון נעכטן,
פֿון לאָנקעס אין דער ווײַט, פֿון אומעטום...
דו האָרכסט ווי ליפּן און לשונות
פֿאַרמישן זיך און ווערן ווונדער-שטום.

אויך דו ביסט צו דעם קוואַל געקומען,
אַ מידער, אויך די שעפֿלעך ווי מיד.
איצט ווײַזט דיר מיט צוויי ברענענדיקע אויגן,
אַ סאַברע-מויד דעם קוואַל, מקור פֿון ליד.

בייג זיך אַראָפּ צום קלאָרן וואַסער.
לאָז אויך די לעמער טרינקען פֿונעם קוואַל.
דאָ ווערסטו פֿאַסטוך נאָך אַ מאָל געבוירן,
בײַם קוואַל, אין אַ קאַיאַר פֿון טוי און טל.

מיין אויסגעחלומטער גאָרטן

פֿונעם זאַמדיקן דאָ
ביזן שטיינערנעם דאָרטן,
נעמען שליאַכן
דיך אָן ביַי דער האַנט,
און זיי פֿירן דיך וויַיטער,
אַלץ וויַיטער,
צום אויסגעחלומטן גאָרטן.
אויף אַ בערגל מיט זאַמד
קרייט אַ זוניקער טאָג —
ווי אַ האָן אויפֿן פּלויט.
ער לייגט אויס דעם דעמער,
צעשפּרייט אים
אויף אַלץ אין אַרום
מיט קופּער און גאָלד,
מיט פּאַרזשאַווערטן רויט.
ס'לייגט די זון אויס
די שקיעה.
אויפֿן זאַמדיקן דאָ,
אויפֿן שטיינערנעם דאָרטן,
און מיַין אויסגעחלומטן
גאָרטן.

דאָס ברויט וואָס מיר עסן

ס׳קאָן זײַן, אַז
דאָס ברויט וואָס מיר עסן,
וועסטו קיינמאָל ניט,
קיינמאָל ניט וועלן פֿאַרגעסן.
וועסט דערפֿילן צומאָל
אינעם ברויט
אַזאַ ערדיקן טעם —
און אַ קערנדל זאַמד
וועט פֿאַרפּלאָנטערט
גאָר ווערן
אַצווישן די ציין,
און וועט נאָך חלילה
דײַן חלום צעשטערן.
זאָלסטו וויסן,
אַז אין קערנדל זאַמד
ליגט פֿאַרבאָרגן
דער סוד,
און יסוד פֿון דײַן וועג.

איך ווייס און איך פֿיל
ווי דו שרעקסט זיך
ביַים שוועל פֿון פֿרימאָרגן...
דאָס זאַמדיקע ברויט
זאָל דיך אָבער דערמאַנען,
אַז דאָס איז דער וועג
פֿון דײַן פֿאָלק,
אַז ערגעץ ביַים שיידוועג,
האָב איך אין מײַן תּפֿילה
דײַן ציטער פֿאַרשטאַנען.

דוינע פון עולה

כ׳האָב פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד בײַם פּרוט,
און בײַם האָדסן ניט גערוט.
בײַ די ברעגן פֿון סוכנות
הענג איך אויף די האַרפֿן מײַנע,
אויף די ווערבעס „סבלנות״.

כ׳טרינק דיך גורל־ווײַן פֿון פֿלאַש,
אַלטער נעכטן — שטויב און אַש...
מיט אַ „תעודה״ אין טאַש —
בלוי ווי אונדזער נײַער הימל,
בין איך אַן „עולה חדש״.

שטיי איך שעה׳ן אין דער ריי,
צען אַ זייגער טרינקט מען טיי.
הפקר־פּעטרושקע טוט ווײ.
ס׳איז אים אויך ניט גרינג דעם ברודער...
פונקט ווי דו געווען, פֿאַרשטיי.

טראַכט איך, מענטש איז מענטש, און כ׳זאָג,
לייג דײַן גורל אויף דער וואָג,
און דײַן בינטל פּלאָג און קלאָג
וואַרף פֿון דיר, און הער אויף זאָרגן,
מאָרגן בלויט אַ נײַער טאָג.

נעם איך זיך צונויף און כ׳גיי,
שטעל זיך ווידער אין דער ריי.
הענט האָב איך און טאַקע צוויי,
און איך פֿיל די פֿרייד פֿון בויען —
פֿון קאַיאָר ביַים ערשטן קריי.

כ׳האָב פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד ביַים פרוט,
און ביַים האָדסן ניט גערוט.
ביידע וועגן פֿון סוכנות
פֿירן דאָך צו אונדזער ירדן —
האָפֿענונג און פֿרייד און מוט.

אין שפּיגל

איך קוק זיך אָן
אין שפּיגל פֿון אַ לאַנגן פלאָנטער,
און איך דערזע
אַ מענטש וואָס לויטן קאָפּ
מיטווילדע זילבערדיקע האָר,
איז ער מיר עפּעס יאָ באַקאַנט.
איך קוק אַריַין,
באַטראַכט דעם צווייטן נאָענטער,
און שוין פֿליט מיר אַנטקעגן
אַ ציטערדיקע האַנט.
וויל איך אין פֿלי
דער האַנט אַנטקעגן קומען,
נאָר דער קרישטאָל
פֿון שפּיגל,
מיט אַ געוויין פֿון גלאָז,
האָט מיך פֿון צווייטן,
ווי מיט געוואַלט
אַוועק-גענומען.

פֿאַר מיר אין שפּיגל,
שטייט ער —
דער וואָגלער פֿריד,
און וויל אַרײַן.
נאָר דורכן גלאָז
שטייט ער —
שטיי איך —
אַ נײַער דאָ,
אַ שפּאָגל־נײַער ייִד.
פֿאַרבעט איך אים
צו מיר אַרײַן,
לאָזט אים דער שפּיגל
פֿון יענע יאָרן,
מיט מיר ניט איין און איינער זײַן.
בויג איך
אין צער מײַן קאָפּ...
אין שפּיגל לאָזט
אים יענער אויך אַראָפּ.

די נאַכט
פֿאַלט ווידער צו,
און לעשט
פֿון שפּיגל אויס
דעם צאַנקענדיקן שײַן.
לבנה,
די בלאָנדע דינסטמויד,
לאָזט אים
צו מיר אין גוף אַרײַן.
און ער,
און איך,
דערקענען זיך
אין בלויקייט פֿון דער שעה
און רו.

דיאַלאָג מיט זיך אַליין

יעדן טאָג,
פֿיר איך מיט זיך אַליין
אַ שטילן דיאַלאָג,
צי זאָל איך נעמען אין דער האַנט
די פּען,
און זיך אין שפּיגל
פֿון מײַן אייגן ליד
דערזען —
צי זאָל איך צו מײַן איינזאַמקייט
צוריק גיין גאָר,
און זיך אַליין
דערקענען שפּאַנענדיק —
דעם קאָפּ אין הימל,
די פֿיס אין וואָר?!

וואָס פּלוצעם איז געשען
פֿון מיר
און פֿון מײַן פּען?
אַז לעצטנס וואַרט אויף מיר
אין גאָרטן,
די ערד —
די דאָרשטיקע,

די ערד
וואָס וואַרט,
איך זאָל זי גראָבן,
צערטלען,
גלעטן,
דערפֿרישן און באַגיסן —
און ווי אַ פֿרוי אין אייפֿערזוכט,
וויל זי פֿון מײַנע לידערײַען,
פֿון מײַנע מוזעס גאָרניט וויסן.
איך זאָל
נאָר גראָבן, מאָנט זי,
גראָבן, גראָבן.
די ערד
וויל מיך
אין גאַנצן האָבן.

ערשטע רויזן

אין ערשטן בלי פֿונעם פֿרימאָרגן,
דערפֿילסטו מיטאַמאָל,
צומאָל,
אַ וווּנדערלעכע פֿרייד —
נצחון.
איצט אין דער סאַמע פֿרי,
האָסטו
זיך צו אַ קיניגרײַך
דערשלאָגן.
דאָ אויף דער ערד,
בײַם אָנהויב טאָגן,
האָסטו דײַן חלום-וואָר-געצעלט,
פֿון סאַמע וווּנדער אויפֿגעשטעלט.
די אומרו-פֿליפֿערד,
האָט ווער, צו אַ וואָגן —
אַ מלכות׳דיקן אײַנגעשפּאַנט.
נאָר דו,
דער האַר
פֿון אַזאַ קיניגרײַך,
שטייסט אין אַ זײַט,
אין פּראָסטע אַרבעט-הויזן.

אין גאָרטן וואַרטן ריסקאַל,
די לאָפּעטע
און גראַבליע —
ווי שטאָלצע גענעראַלן.
און ס׳נעמט
אַ יונגער מאָרגן אָפּ
אַ שטאָלצער דעם פּאַראַד,
פֿון דײַנע ערשטע,
ערשט אויפֿגעבליטע רויזן.

דער גאָרטן

לוסיאַן

כ׳געדענק דיך גוט
מייַן ערשטער גאָרטן,
ווו כ׳פּלעג מיט מייַנע אויגן
חלומות פּלאַנצן
אין בייטן פֿונעם אָנהויב —
אַרום אַ פּאַלאַץ,
פֿון דאָמינאָס
און קאָרטן.
כ׳געדענק דעם פּאַלאַץ
אין גאָרטן צווישן שטערן.
בייַם מינדסטן אָנריר
פֿון שפּילעוודיקע פֿינגער,
פּלעג זיך דער טורעם מיטאַמאָל
צעפּאַלן,
און אַלץ פּלעג נעלם ווערן.
הייַנט גראָבן מייַנע הענט
אין היימיש־שוואַרצער ערד,
ביז כ׳וועל אַליין
פֿאַרוואָרצלט אין די בייטן
פֿון רייַנסטער וואָר,
אין גאָרטן...
און קינדער בויען ווייַטער
פּאַלאַצן פֿון חלומות,
און פֿאַלנדיקע קאָרטן.

גאָרטן פון אייביק און אַנדערש

אַנטפּלעק זיך גאָרטן,
איך האָב דיך אויסגעחלומט
אין מיטן פֿון מײַן וואַנדער,
דו זאָלסט מײַן אָנהויב זײַן
אין אַנדערשקייט.
איך אָטעם אײַן אַצינד
די קוים-קוים ריחות פֿון אָלעאַנדער,
און גיי אַ רגע אויף
אין דער אַרומיקער אָלעאַנדערשקייט.
דעם אַלטן איילבערט-בוים
וואָס שטייט אַן אײַנגעזונקענער,
אַליין,
ווי׳ר וואָלט אַרײַנגעטראַכט זיך
אין אָסיען פֿון פֿאַרגיין —
נעם איך מיט מײַנע אויגן
ווי אַן אייגענעם אַרום.
אַפֿילו
פֿאַר יענעם קוסט בײַם פּלויט,

וואָס שטייט ווי איבעריק,
האָב איך אַן אָרט
אין אָט דעם אומעטום.
און זע,
מייַן אויסטערלישער גאָרטן,
איך וויל דעם אויפֿריר
אין זיך אַליין פֿאַרשטיין.
איך אַקער זיך אַרייַן
אין דיר —
מייַן אָנהאַלט און אמונה.
כ׳וויל גובר זייַן
די איינזאַמקייט
פֿון איין,
די אומרו,
אָ אייביק
אַנדערש
גאָרטן.

גאָרטן אין בלוי און באַגינען

עס בעט אויף באַלד
דער גאָרטן מיך
פֿון זינט באַגינען,
איך זאָל אַ מעשׂה׳לע פֿאַרשפּינען —
די בענקשאַפֿט-בייטן
אין פֿרי-באַגעגעניש פֿון טאָג —
באַרירן און באַגיסן,
און לאָזן זיי
אין בילדער פֿון חלומות,
אין גאַנצן בלוי צערינען.
וואָס איז פֿון דיר געוואָרן?
פֿרעגט מיך דער גאָרטן,
און בעט:
באַפֿריי זיך פֿונעם עול —
דעם באַרג
וואָס דו האָסט אויפֿגעלאָדן —
און זיך אַליין באַלאָדן
מיט ברוכוואַרג פֿון די יאָרן.

אָ בלויער גאָרטן,
איך האָב דײַן רוף באַנומען,
זיך אײַנגעבלומט
אין דײַנע בלומען;
איך בייט זיך אײַן
אין אַלע דײַנע בייטן,
אַז דעם באַשעפֿערס רו
זאָל זיך אויף מיר צעשפּרייטן.
איך וויל דיך גאָרטן
באַנעמען,
באַפֿלאַנצן און באַזינגען דיך,
און מיט אַ ברכה
ביז יענעם ברעג
באַגלייטן.
אָ גאָרטן בלויער.

גאָרטן פון גלעזערנע גלעקלעך

דער גאָרטן גרינט
צומאָל אַרויס
פֿון כּלל —
און גרינט
ווי טונקל-גרינע גאַל.
אַ גראָבער בוים
שטייט גאווה'דיק,
און גווידערט זיך —
נאָר ווי אַ גאָנשער.
די ערד איז גליטשעדיק,
און יעדער סימן ווילדגראָז,
און יעדעס בלעטל גראָז,
צעשטעכן דיר דייַן בליק
ווי שטיקלעך גלאָז.
עס גריזשעט דיך אין האַרץ,
ווייַל יעדער טראָט
אין גאָרטן-לאַן,

גרילצט אָפּ
און גרוילט דיך שפּאַן נאָך שפּאַן.
עס קרישלט זיך
די גוטע ערד —
אַ שפּיגל אונטער דײַנע טריט.
און דו
דער גערטנער פֿילסט,
אַז דו ביסט אויך
פֿון גלאָז,
און דויערסט ניט,
און ס'איז קיין אויסוועג ניט פֿאַראַן.
אָ גאָט,
דו האָסט דעם גאָרטן-דאַך —
דעם גרויסן הימל,
געשאַפֿן אַזוי העל.
איצט פֿאַרבט מען אים
מיט גשמיות'דיקן גרעל.
דײַן גאָרטן, גאָט,

וואָס זאָל דײַן גנאָד
באַווײַזן,
האָט זיך ווי גלאָז
צעשפּאַלטן,
בײַם אָנריר פֿון
דעם גראָבנדיקן אײַזן.
גיב כּוח מיר,
אָ גאָט,
איך זאָל אין לעצטן בוים —
וואָס הייבט זיך ווי אַ טורעם אויף,
די גלעקעלעך פֿון גלאָז
צעקלינגען.
איך זאָל דײַן ליד
פֿון גאָרטן זינגען.

גאָרטן פון דערנער

איך דאַנק דיר, דרך־ווייַזער,
וואָס אינעם גאָרטן דאָ,
לאָזטו מיך זייַן
אַ גערטנער פֿון מייַן דור.
איך דאַנק
דיר מייַן דערהויבנסטער,
וואָס דו דערפֿירסט
מיך שעה נאָך שעה —
אַנטפּלעקסט פֿאַר מיר
אויף דערנערדיקן וועג
פֿון וואַנדער און פֿון דמיון,
דעם דאָזיַן, דאָרטן,
פֿון גרויסן דרויסן־גאָרטן.
איך דאַנק דיר
אַפֿילו
פֿאַר יעדן דראָבנעם דאָרן...
פֿאַר דעם וואָס איך
בין אויף מייַן וועג
געוואָרן.

וואָס איז מיר דען
אין דראַנג פֿון גיין —
געבליבן,
אויב ניט די דאָליע,
אַ דאָרשטיקער ביז צו דעם דנאָ —
דערגיין,
פֿאַרגיין.
דערווײַל
הייסט מיר דאָ,
אין גאָרטן פֿון די דערנער גראָבן,
דערגראָבן,
און ראוי זײַן
אַ יעדן דאָרן.

גאָרטן פון היים און המשך

מײַן האַר,
האָסט מיר געהייסן
דײַן גאָרטן היטן,
האָב איך דאָס הקדש־אומקרויט
פֿון אַלע בייטן,
ווי פֿון מײַן האַרץ
אַרויסגעריסן.

אין צייכן
פֿון דײַן הסכּמה,
האָב איך אין המשך־גאָרטן
זיך מיט התלהבות
אײַנגעפֿלאַנצט אין מיטן,
צו וואַקסן דאָ,
מיט אַלץ וואָס וואַקסט
אין שטיינערדיקער ערד
פֿון הײַנט און הי.
אַפֿילו יענע הויכע הימלען,
האָב איך
פֿאַר האָריזאָנטן היימישע

פֿאַרביטן.
אַ נײַער טאָג
האָט אויפֿגעהעלט
בײַם ערשטן קריי פֿון האָן,
און האָט אַ היטל ליכט
מיר צו דער אַרבעט אָנגעטאָן.
דײַן גאָרטן, האַר,
איז ווי דער אָנהויב, אַלט
און הייליק.
איך דאַנק דיר,
האָסט מיר געהייסן
דײַן גערטנער זײַן.
און אויב די ערד
איז מידבר-הייס,
און האַרט, און האַמעטנע,
איך דאַנק דיר אויך דערפֿאַר,
מײַן האַר.

גאָרטן פֿון ווערטער

ווי וווּנדערלעך...
דער גאָרטן דאָ
איז ווי אַ וואַלד
פֿון ווערנדיקע ווערטער.
איין וואָרט וואַקסט ערגעץ-ווו
אַרויס פֿון צווייטן וואָרט,
און ווערט פֿאַרוואַנדלט אויפֿן אָרט...
ווי ס'וואָלט זיך ואו מיט ואו
ווי וואָר מיט וויזיע דאָ
צונויפֿגעפּאָרט.
און ווײַל איז גערטנער דיר,
אין ווונדער-גאָרטן פֿון דײַן ליד.
אין ווערטער-וואַלד,
פֿאַרוואָגלסטו ניט מער
אין וואָכעדיקן פּלאָנטער,
און אין ווירוואַר
פֿון ווו און ווער.

דאָ וויל זיך עס אַליין
אין ציטער פֿונעם ווערן,
דאָס וואַקסן פֿון די וואו'ן
אין שויס פֿון בייט דערהערן —
און אויף דער המשך-וואָג
פֿון ווייַטער,
די וועגן דייַנע וועגן.
און אויב דייַן גאָרטן ווערט
אין וועסנע פֿון דער צייַט,
פֿון ווינט און וואָלקן אויפֿגעווירבלט,
געדענק...
דאָס ווערק
אין גאָרטן וואַרט.
עס וואַרט אויף דיר.
ביז ווייַסן ווינטער —
איז ווייַטער נאָך
פֿון ווייַט.

גאָרטן פון זכרונות

ווען ס'הייבט די זון
פֿון דיר זיך אָפּצוזונדערן,
און זינקט און זינקט
פֿון זעניט,
אַנטקעגן איר פֿאַרנאַכט,
בלײַבסטו אַ רגע שטיין
פֿאַרטראַכט,
און אין פֿאַרוווּנדערן.
אין גאָרטן פֿון זכרונות,
צעבליִען זיך די זעווּנגען
אין זאַפֿטיק גרינעם טאָל
פֿון זײַן,
און פֿון אַמאָל.
דו האָסט פֿאַרזייט די זריעה
אין זומערדיקע בייטן פֿון געדענקען,
ווי דו זייסט איצט אין גאָרטן,
דאָס רויט פֿון זונפֿאַרגאַנג —
ביז ס'וועט די נאַכט
מיט זילבער-כוואַליעס

אַ יעדן זכר
פֿון שקיעה-גאָלד פֿאַרשווענקען.
עס זינגט און קלינגט
דער זייגער אויס
די שעה'ן זיבן מאָל.
אין גאָרטן פֿון זכרון,
פֿאַרוויגן דיך זכרונות,
וואָס זײַנען גובר איצט
די זיגלען אינעם זכות
פֿון דײַנע יאָרן,
און זאָרגלאָז שפּאַנסטו דאָ
אַ באָרוועסער אַרום,
און זאָגסט און זינגסט —
ס'איז גוט אַזוי,
געדענקען,
און זוכה זײַן דעם וועג,
פֿון בלום צו בלום.

גאָרטן פון חלומות

אין גאָרטן פֿון חלומות
גייט אויף
ראש חודש חידוש.
פֿון סאַמע ערגעץ-ווו אַרויס,
וואַקסט פלוצעם אינעם סאָד
אַ חדווה-בוים
אין גאָרטן אויס.
דערפֿילסטו מיטאַמאָל
ווי דו וואָלסט איצט
אַ חלק —
אַ צווײַג געוואָרן אינעם וואַקסן.
די ערד אַנטפּלעקט
ווי חוה
די וווּנדערס פֿון איר שויס,
און ער,
דער גאָרטן —
צעבליט, פֿאַרדעקט
די לענדן אירע
מיט שפּראָצונגען און קווייטן.

און סאַראַ חידוש...
אַפֿילו דאָרט,
אין ווײַטן רויטן ערגעץ —
אין לאַנד פֿון חשד און חושך,
גייט אויף אַ חלום.
אָ גערטנער,
דו האָסט פֿאַרזייט
מיט חבת־ציון אַלע בייטן.
אין אויפֿבלי פֿונעם חומש־אַלטן גאָרטן,
וועסטו זיך באַלד
מיט דײַנע נײַע אײַנגעוואָרצלטע,
צום יום־טוב
פֿון אונדזער גאָרטן גרייטן.

גאָרטן פון טרעפּ אין טאָל

ס'וועט קומען יענער טאָג,
דער טרויבן־רייפּסטער
פֿון אַלע טעג.
צום גאָרטן פֿון די טרעפּ,
וועט זיך דער טראַקט
פֿאַרוואַנדלען אין
אַ שטעג,
און טרעפּנוויַיז
אַרויף,
אַראָפּ...
וועסטו אין ריטם פֿון דיַין טראָט,
און טראָפּ,
ביַים גאָרטן־טויער בליַיבן שטיין,
און זיך פֿאַרטראַכטן.
די שקיעה טרינקט
דעם טעמנעם וויַין
פֿון די פֿאַרנאַכטן.

װעסט אױסטאָן יענע טאָגע
פֿון אַלע טעות'ן.
ניט שװאַרצע טרױער־טולפּן
צעבליִען זיך אַדאָ.
אין טעלערס בלומען־בייטן
אַנטפּלעקן זיך
די ליליעס פֿונעם טאָל,
װי טעפּיכער פֿון קװייטן.
זײ נידערן
אױף טױזנט טרעפּ,
אױף טױזנטער טעראַסן...
און טרייסט,
און טרױם...
זײ װעלן טוליען זיך
צו דײַנע טריט.
װעסט װערן
אַ טײל
אין זײער מיט.
אַ בשׂמים'דיקער ריח

פֿון קריכנדיקן טימיאַן
אין צווישן פֿון די שטיינער,
וועט דיך
ווי אויף אַ וואָלקן טראָגן...
אַריבער יעדן צאַם
פֿון טרחה־פּלויט.
אין גאָרטן פֿון די טרעפּ,
וועסטו באַגעגענען
דעם טויט.

גאָרטן פון ירושה

אַדאָ,
אין יונגן גאָרטן,
צעוואַקסן זיך
אין דײַנע בייטן,
ווי פֿונעם אלף־בית אַרויס —
די קליינע יודן,
און בליִען אויף
ווי אויפֿגעריכטע ייִדן.
אַדאָ,
אין סאַמע יאָדערע
פֿון גאָרטן —
פֿון יש און פֿון יצירה,
צעוואַקסן שטאָלצע זיך
די קליינע אותיות —
די יודן —
אַפֿילו אינעם זאַמד
פֿון יעמאָלט —
פֿון מדבר'דיקע בייטן.

אָ יונגער בוים
וואָס בויגסט
זיך מיר אַנטקעגן,
איך קום צו דיר
דורך פֿרעמדע יאוש-ימען,
דורך שטורעמס פֿון יסורים,
און שטיינערדיקע וועגן.
איך האָב געבענקט,
זיך דאָ
מיט דיר צוזאַמען
צום יום-טוב פֿון ירושה,
צום יובל פֿון קדושה,
מיט יראה,
זיך צו באַנײַונג גרייטן.

גאָרטן פֿון כּישוף

אין כּסלו׳דיקע טעג
כאַפּט זיך
מײַן גאָרטן אויף,
צומאָל כּ׳אור הבוקר —
פֿון כמאַרענעם אַנטדרעמלט ווערן.
אַזוי איז הײַנט
מײַן גאָרטן אויך
פֿון כאַאָס-דרימל אויפֿגעשטאַנען.
די כריזאַנטעמען,
די פּל׳ערליי קאָלירן
מיט כּישופֿ׳דיקע נעמען,
צעבליִען זיך אַצינד
אין האַרבסטיקן פֿרימאָרגן,
ווי יענע בלייכע
און נעלם-ווערנדיקע שטערן —
אין דאָרטן-גאָרטן
פֿון כּביכול׳ס הימל-לאַנען.

מייַן גאָרטן אָבער גייט
ערשט איצט
ווי אין אַ צייַט
פֿון כּישוף אויף.
איך גיי אַרום
אַ גערטנער דאָ —
פֿון כּלומרשט,
און קלויב די רגעס
פֿון אָט דעם וווּנדער —
ווי גאָט קלויבט אויבן
לבנות איצט צונויף.
דער טויער עפֿנט זיך,
אַ גייער פֿון דער ווייַטנס
קומט איצט אַרייַן,
און טרינקט
אַ כּוס מיט מיר,
פֿון כּסלו'דיקן כּישוף-ווייַן.

גאָרטן פון ליד

דאָ איז אַ גאָרטן,
אין לאַנד
פֿון חלום און פֿון ליד.
גאָר אַלטעביימער צוימען אים אַרום —
פֿון וויטערסטער לעגענדע.
דאָס לעבן גייט
דאָ אויף,
און לייגט פֿאַר דיינע טריט
די לאַנדשאַפֿט אויס —
פֿון ליכט און פֿריד,
און רײַסט דיך אינעם אימפּעט מיט.
דו גייסט ניט,
ניין, דו לויפֿסט,
און ס'לויפֿט פֿאָרויס
דיר אַזאַ ליבשאַפֿט...
און דו דערפֿילסט
דאָ אין דער ערד,
אין זאַמד און שטיין,
אַ לשון קודש —

דאָס ליד פֿון יעדן באַרג,
פֿון יעדער לאָנקע, יעדן לאַן.
דער גאָרטן דאָ גייט אויף
אין סאַמע ליד,
און ליד ווערט ליד
אין יעדן בייט —
און ס'איז דאָ אויך
אַ טייַך פֿון ליד פֿאַראַן.
און ווילסטו ווערט
דער אויסגעחלומטער אַרום
אַ לאָטוס-גאָרטן...
דער גערטנער לי טאַי פּאָ,
די לוטע אין זייַן האַנט,
וואַקסט פּלוצעם אויס
פֿאַר דיר,
פֿון יענעם ווייַטן דאָרטן.

גאָרטן פון מאַסקעס און מורא

מאַך אויף
דעם טויער,
און לאָז מיך צו דעם משל צו
פֿון יענער מאָדנער מעשׂה.
אַ פֿרעמדע מויער
פֿון מאַרמאָר-שטיינער ווייַסע,
לאָזט מיך ניט צו מייַן גאָרטן צו.
טו עפֿן אויף
דעם טויער.
אין מיטן פֿונעם גאָרטן,
וואַקסט ערגעץ-ווו
אַ גאָר משונה׳דיקער בוים —
ווי אָן אַ מאָס
אין רוים,
אָן וואָרצלען...
ווי ניט אַהער און ניט אַהין.
צומאָל באַווייַזט ער זיך
ווי אַ מיראַזש,

אין מיטן פֿון אַ מדבר,
צומאָל גאָר —
אַ מענטש
וואָס טראָגט
אַ מאַסקע אויף זײַן פּנים אַזש.

דער טויער עפֿנט זיך.
איך מיש זיך ממש אויס
מיט אַלע ביימער.
ווי מאָדנע ס'איז...
אויך זיי דאָ וויגן זיך
ווי אויסגעפּוצטע אין
אַ מאַסקעראַד.
די ערד
איז אונטער מײַנע פֿיס,
ווי ברוכוואַרג מיסט —
און וואָס איך ריר
מיט מײַנע פֿינגער אָן,

ווערט פֿון באַריר
פֿאַרוויסט.
עס טריפֿט
פֿון אַלע ווינקלען חשד
אַראָפּ אויף מיר.
ווי ס'נעמט אַרום
מיך אַזאַ מאָדנע מורא.

איצט שטיי איך פֿאַרן בוים,
און דאָס בין איך אַליין.
איך וועק זיך ווי פֿון חלום אויף —
אַ מרה-שחורה.
מײַן גאָרטן עפֿנט זיך
פֿאַר מיר
ווי תמיד אַזוי שיין.

גאָרטן פון נס

נגב,
דו נײַער אַלטער גאָרטן,
וואָס נישטערסט זיך אַרויס
פֿון אונטער זאַמד און שטיין,
פֿון אונטער שטויב
און נײַן מאָל נײַן,
און ווערסט פֿאַר מיר נתגלה
אין צייכן פֿון נבואה —
איך זאָל דעם נס פֿאַרשטיין.
נגב,
נאָר דער וואָס הערט ניט
דײַן מדבר-ניגון,
באַנעמט אויך ניט דײַן ליד
פֿון נײַגעבורט —
די נײַגעבורט פֿון מדבר —
די נײַגעבורט פֿון גאָרטן —
די נײַגעבורט
פֿון נע-ונד׳ן ייִד.

נגב,
ווי פֿאַרמעט פֿון אַן אַלטן ספֿר,
אין אַלמער פֿונעם נעכטן,
האָסטו געבענקט נאָך אים
דעם נײַעם גערטנער,
ער זאָל זיך אויף דער נחלה
פֿון נײַעם לעבן ריכטן.
צי איז דאָס אמת,
אָ זאָג מיר גאָרטן נגב,
אַז דאָ
ווו שטיין
און דערנער האָבן מיר
די פּיס און הענט,
די נאַקעטע צעריסן —
אַז דאָ
צעבלִיִען זיך
נאַרציסן?

גאָרטן צווישן ספרים

אַ ספֿר איז אַ גאָרטן.
אַ גאָרטן
אַנטפּלעקט זיך צווישן ספֿרים.
אַן אַלטער ספֿר,
איז ווי אַ סאָד
מיט אַלטע עפּלביימער,
וואָס ווערן צײַטיקער —
אַ סימן,
דער וואָרעם
קען אַלץ ניט גובֿר זײַן
דעם בורא׳ס גנאָד.
דער גאָרטן
איז ווי אַ ספֿר פֿול מיט סודות...
ווו סוד גייט אויף
באַלד דאָ באַלד דאָרט.
צומאָל צעבליִען זיך
די שורות אין אַ סדר —
געוויקסן —
סאָנעטן.
וו׳אין גאָרטן,
אין סאַמע מיטן פֿון די בייטן,

אַזוי צעבליט זיך דאָ
אַ בלום, אַ סוד
וואָס צירט דעם אָרט,
צעבליט זיך אין די סטראָפֿן
צומאָל אַ ווונדער-וואָרט.
סאַראַ פֿרייד,
דער גאָרטן זינגט,
סע זינגט דער ספֿר,
סע זינגט די ערד,
סע זינגט אַ יעדעס וואָרט,
סע זינגט אַ יעדער שטיין.
און וויל איך גראַם-עד
דעם גאָרטן
צוזאַמען מיט דעם סוד
פֿון סמך...
און ווען ס'גלוסט זיך
אַרײַן אין גאָרטן,
נאָך איידער ס'קומט דער סוף,
וועט מיך פֿאַרשטיין.

גאָרטן פון עצם און ענטפער

דער גאָרטן דאָ איז דײַנער.
ער גאַרט,
דו זאָלסט פֿון ווײַטן ערגעץ,
צום עצם פֿונעם ווערן
עולה זײַן —
און דײַנע וואָרצלען איבערפֿלאַנצן.
די טויערן פֿון גאָרטן,
זיי עפֿענען זיך ברייט.
זיי זאָגן עדות —
עס בענקט די ערד
נאָך דיר, און וואַרט,
און גיט זיך דיר
אין גאַנצן.
טו עגבער זיך אַלץ טיפֿער,
אַלץ טיפֿער אין דער ערד אַרײַן.
עמלק שאַרפֿט
נאָך אַלץ די שווערד,
און לויערט פֿאַרן פּלויט.

דו אָבער גרייטסט
צום יום-טוב זיך
פֿון גאָרטן און עשירות.
זאָל דאָס דער ענטפֿער זײַן.
אַן אַלטער עפּלבוים
באַשירעמט דיך,
און עמעץ טראָגט
אַנטקעגן דיר
פֿון עלטסטן קוואַל,
דעם ערשטן עמער.
ס'איז דײַנע איצט די ערד.

גאָרטן פון פּאַיאַצן

פּאָעט,
דייַן פּאָזע דאָ אין גאָרטן
איז גאָר טשיקאַווע.
שטיל איין דייַן פּאַטאָס.
דער שענסטער גאָרטן פֿון פּאַרנאַס,
איז אָפֿן פֿאַרן פֿאָלק,
ניט ווי אַמאָל —
אַ פּאַרק
פֿאַר פּוסט און פּאַס,
און פֿאַר דער גאווה פֿון אַ פּאַווע.
ווי אין אַ חלום
שפּאַנסטו נאָך אַלץ אַרום,
און פֿילסט אַפֿילו ניט,
אַז דו וואַקסט אין די בייטן
פֿון פּלאָנטער און ווירוואַר —
ווי ס'ווערט
פֿון אַלץ
דאָ פּלוצעם אַ קאָשמאַר —

ווי פֿונעם גאָרטן-אַראַבעסק,
אַנטפּלעקט דאָס לעבן זיך
ווי אַ פּאַראַדיע —
אַ פּאַנאָראַמע
אין אַלע פֿאַרבן פֿון גראָטעסק:
פּאַיאַצן, פּונטשינעלאָס,
פּרצופֿים אין פּאַריקן,
אין פּאַנטאַלאָנעס און פּאַנטאָפֿל...
און דו אַליין —
דער טרויעריקסטער פּיעראָ —
דאָס פּנים ווײַס געפּודערט —
מאַרסעל מאַרסאָ,
דערשטיקסט אין דיר
דאָס ליד,
און די מעלאָדיע.

גאָרטן פֿון פֿליגל און פֿלאַטער

מײַן גאָרטן,
פֿרימאָרגן רופֿסטו מיך אַרויס
אין ערשטן פֿלי און פֿלאַטער
פֿון מײַנע דמיון-פֿייגל.
ס'פֿליט מיר די פֿרייד
פֿאָרויס,
הייב איך די הענט —
וואָס פֿילן,
און שפּילן זיך
מיט פֿײַכטער ערד —
צום הימל אויף.
פֿאַרליבטע פֿינגער
צעשפּרייטן זיך ווי פֿליגל —
פֿאַנטאַזיע-פֿלאַטער.
די אויגן זײַנען שוין
דעם שלאָף מוותּר,
און צינדן אָן
זיך מיט פֿאַרלאַנגען.

זיי האַלטן מיך פֿאַרכּישופֿטע
געפֿאַנגען.
עס דוכט זיך מיר,
די פֿליפֿערד זייַנען אײַנגעשפּאַנט,
און אַקערן דיך גאָרטן
אין פֿריִעסטן פֿלי.
פֿאַרפֿלאַנץ איך אין די בייטן,
די פֿאַרבן
אין אַלע פֿאַלדן,
אין אַלע קנייטשן פֿון דייַן פּנים —
אין אַלע דייַנע קאַרבן.
מייַן פֿלאַטערנדיקער גאָרטן.

גאָרטן ציון

צעוואַקס זיך צדיק'ל,
צום הימל צי זיך אויס —
אַ בוים
מיט שטאַרקע, ציִענדיקע וואָרצלען,
און צוויטנדיקע צווײַגן.
דער גאָרטן ווי מײַן חלום
האָט אײַנגעגראָבן דיך,
אין סאָד
פֿון ציטרין און מאַראַנצן,
און דיך אַרומגעצאַמט
מיט צמחים'דיקע צאַמען —
באַזונטע טײַטל-פּאַלמען,
מיט צאַרטע מאַנדל-ביימער,
און צוקער-זיסע פֿײַגן —
דער גאָרטן רופֿט,
מיר זאָלן זיך צוזאַמען
אַדאָ פֿאַרפֿלאַנצן.
דער צורר
האָט אונדזערע צדיקים,

מיט צאָרנדיקן גזר
געוואָלט פֿאַרטרײַבן
דורך ווילד-וואַלד פֿון די צײַטן.
נאָך לויערט ער
בײַם צלם פֿון די וועגן.
צדיקים אָבער רײַטן
אויף ווײַסע פֿערד
דורך יענעם טאָל פֿון צער.
זיי רײַטן אונדז אַנטקעגן
צום גאָרטן,
וואָס עפֿנט זיך
פֿון אַלע זײַטן.
צעוואַקס זיך צדיק׳ל,
און ווער אַ בוים,
צעצוויט און שיין,
אין גאָרטן פֿון מײַן חלום...
דעם צורר׳ס צאָרן
זאָל אינעם זכות פֿון דער נבואה,
ווי פֿינצטערניש פֿאַרגיין.

גאָרטן פון קין און קנאה

ווי ווײַט ס׳איז נאָך,
ווי ווײַט...
כאָטש גאָרטן שטייט בײַם קאַנט
פֿון צווייטן, זײַט בײַ זײַט.
ווי קרום די וועגן פֿירן דאָ,
ווי קרום,
און קאַלט און פֿרעמד
איז מיר אַדאָ אין קיינעמסלאַנד,
וואָס קאַרבט זיך דורך
דעם וואַלד פֿון קריגערײַען.
און כאָטש דער וועג
איז קורצער נאָך פֿון קורץ,
קרײַזט מיך
אַ קייט
פֿון קלעמעניש אַרום,
און ס׳יאָגט מיר נאָך
דאָס קול פֿון קנאה — שׂנאה,
די קללה פֿון מײַן ברודער קין.

ווי ווײַט ס'איז נאָך,
ווי ווײַט,
כאָטש גאָרטן קייטלט זיך
צום צווייטן, זײַט בײַ זײַט.
ווי קאָן איך זײַן
דײַן גערטנער, האַר,
אַז איבער מיר קריכט נאָך
דער קאַלטער שאָטן פֿון קאָשמאַר —
אַז דאָרטן,
אין יענעם גאָרטן שטייט
נאָך אַלץ דער מאָדנער בוים —
אַ קרעמאַטאָריע-קוימען
גאָר אין דער וואָר, —
און יענער קוסט
בײַם פּלויט פֿון שטעכלדראָט,
שטייט אַלץ נאָך ווּסט און פּוסט,
און קוקט מיך פּוסטער אָן
פֿון יאָר צו יאָר,
און עלנטיק און אָרעם.

ווי קאָן איך דען
אין סאָד
די פֿרוכטן קלויבן,
ווען קין׳ס קינדער טאַנצן ווילד
אַ קנאה-קאַראַהאָד,
אויף מײַנע קברים.

גאָרטן פון רשעות

אין גאָרטן פֿונעם רשע
צעבליִען זיך די רוגז-קווייטן,
און רשעות-אומקרויט שפּראָצט אַרויס —
רציחה-קראָפּעווע פֿאַרפֿלייצט
די בלומען-בייטן.
רבונו, רבי מײַנער,
זאָלסט מיך ניט שטראָפֿן
פֿאַר מײַנע מוסר-רייד.
צי איז דאָס אויך
אַ רמז פֿון דײַן רצון?
ווײַל אַלע וועגן
צום גאָרטן,
אַנטפּלעקן זיך אין רחבות,
און ריינקייט —
אויך פֿאַרן רשע, אָפֿן.
צי האָט דײַן רוח-חיים
פֿון אים זיך אָפּגעשיידט?
ניט מיטן רידל ראָיעט ער
דאָס רעטעניש,

וואָס רוט
באַהאַלטן אין דער ערד.
עס רײַסט די רו
פֿון גאָרטן איבער,
זײַן רעש'דיקע שווערד.
כ'שטיי אַלץ בײַם ראַנד
און קען זיך ניט באַפֿרײַען
פֿון מורא פֿאַרן רודף,
און ריר זיך ניט
פֿון רינג אין קײנעמסלאַנד...
ווײַל אינעם גאָרטן
צעבלי̇ען זיך
דעם רשע'ס קווייטן,
און רויטע רויזן ראַנגלען זיך
מיט אומקרויט אין די בייטן.

גאָרטן פון שלום

איך שטיי אַצינד
ווי אויפֿן שיידוועג.
איך שעם זיך גאָט
פֿאַר דיר.
די זעלבע שטראַלן
דערפֿרייען,
דער זעלבער שאָטן פֿון די שעה'ן
הילט איַין מיט שקיעה אויך
מיַין שכנ'ס גאָרטן.
שטאַכעטן אָבער,
פֿון שטאָל און שטעכלדראָט,
צעטיילן אונדזער גאָרטן
אין צווייען.
צי זענען מיר דען ניט
פֿון זעלבן שורש,
מיַין שאַפֿער און באַשאַפֿער?
איך שטיי אַצינד
ביַים שוועל פֿון חלום.
דער גאָרטן שפּיגלט זיך

אין שײַן פֿון דײַן יצירה.
אַ יעדע שפּראָצונג שײלט
אַרויס זיך פֿון דער ערד.
דעם שטילן לשון
פֿון שװײַגן,
פֿון שלווה'דיקער שירה,
און שפּע אויף די צווײַגן,
פֿאַרשטיי איך...
און חלום,
אַזוי וועט זײַן
דער גאָרטן —
דער גאָרטן פֿאַר די דורות.
אַזוי וועט שפּראָצן
אין שײַן פֿון דײַן יצירה —
און שכינה,
דער שלום.

גאָרטן פון תיכף און תמיד

מײַן בורא,
אַ תמימות׳דיקע האָט די תּו
זיך פֿון תּהום,
פֿון גאָרטן אין אֵין-סוף
אַרויסגעשיילט,
און זיך פֿאַרוואָרצלט
אין בייטן פֿון פֿאַרגיין —
צעבליט האָט זיך
די תּאווה,
בײַם גאָרטן-ראַנד פֿון תּיכף.
אין בייטן פֿון באַנײַונג,
אין תּמיד-גאָרטן
פֿון אַלע דײַנע גערטנער,
אַנטפּלעקט האָט זיך
די תּורה.
איך שטיי אין מיט פֿון וועג,
און וויל דעם תּוכן פֿון דער תּו,
אין גאָרטן פֿון דײַן אלף-בית,

מייַן בורא,
ווי אַ תּלמיד תּופֿס זייַן.
צי וועסטו אויך
מייַן תּפֿילה הערן,
און לאָזן מיך אין גאָרטן
פֿון תּיקון,
דעם תּוהו גובֿר זייַן,
און פֿאַרן סוף
די מורא?

אינהאַלט

6 הקדמה

1. אין גרויסן דרויסן

9 צייכענונג פון שמואל בץ
12 איך שוועב אַרום אָן גראַוויטאַציע

אלף, בית...

17 אלף
18 בית
19 גימל
20 דלת
21 הא
22 ואו
23 ז׳יין
24 חית
25 טית
27 יוד
29 כף
31 למד
32 מם
34 נון
35 סמך
37 עין
39 פּא
41 פֿא
42 צדיק
44 קוף
46 ריש
48 שין
50 תו

לידער וועגן אומרו צען און אַפּאָלאָ עלף

53 א.
54 ב.
56 ג.

2. אדם און חוה

59 צייכענונג פון שמואל בץ
61 תאווה, טליענדיקע בענקשאַפט
62 א. אין אָנהויב
64 ב. בראשית
66 ג. אַ גאָט
68 ד. ביים ברעג פונעם דרויסן
70 ה. הענט צום הימל
73 ו. פון ווילדן וואַלד אַרויס
76 ז. דער זעער
79 ח. חצות אין חודש חשון
81 ט. האַרבסט, נאָך טליעט יעדער בוים
84 י. אַ ים פון ימען
86 כ. אין כמורנע טעג
88 ל. ווּ ליבע, דאָרט איז ליכט פאַראַן
90 מ. די מורא קומט צומאָל
93 נ. ווען ס'נידערט אין פאַרנאַכט
96 ס. סאַמע סדרה טאָג
99 ע. ס'איז נאָך ניט פול דער עמער
102 פ. פאַסטוך אדם
105 פּ. די „פּ" איז אָן אַ פּינטל
108 צ. ניט צאַרענען זאָלסטו...
111 ק. דער קאָסמישער קאָאָרדינאַטאָר
115 ר. דעם בורא'ס רצון
119 ש. ניט שעלט די שלאַנג
122 ת. די תאווה

3. דער בוים

126 דעמערנדיקער בוים / א.
128 דעמערנדיקער בוים / ב.
130 לייוויק בוים / א.
131 לייוויק בוים / ב.

4. דער שאָטן

135 ~~אַ קעניג טראָגט מיין געלע לאַטע~~
138 אַ קיניג טראָגט מיין געלע לאַטע

צו שטעלן אין סוף

5. עליה

151 ביים שוועל פון אָנהויב
152 אין אַ קאַיאַר פון טוי און טל
153 מיין אויסגעחלומטער גאָרטן
154 דאָס ברויט וואָס מיר עסן
156 דוינע פון עולה
158 אין שפּיגל
161 דיאַלאָג מיט זיך אַליין
163 ערשטע רויזן

6. דער גאָרטן

167 צייכענונג פון שמואל כץ
169 כ׳געדענק דיך גוט, מיין ערשטער גאָרטן
170 גאָרטן פון אייביק און אַנדערש
172 גאָרטן פון בלוי און באַגינען
174 גאָרטן פון גלעזערנע גלעקלעך
177 גאָרטן פון דערנער
179 גאָרטן פון היים און המשך
181 גאָרטן פון ווערטער
183 גאָרטן פון זכרונות
185 גאָרטן פון חלומות
187 גאָרטן פון טרעף אין טאָל
190 גאָרטן פון ירושה
192 גאָרטן פון כישוף
194 גאָרטן פון ליד
196 גאָרטן פון מאַסקעס און מורא
199 גאָרטן פון נס
201 גאָרטן צווישן ספרים
203 גאָרטן פון עצם און ענטפער
205 גאָרטן פון פּאַיאַצן
207 גאָרטן פון פליגל און פלאַטער
209 גאָרטן ציון
211 גאָרטן פון קין און קנאה
214 גאָרטן פון רשעות
216 גאָרטן פון שלום
218 גאָרטן פון תיכף און תמיד

ביכער פון זעלבן מחבר

נאַרציסן סאָנעטן: פאַרלאַג „טשערנאָוויצער בלעטער״, טשערנאָוויץ, 1937

אָוונט ביים פרוט סאָנעטן און לידער: ניו-יאָרק, 1942

אַ פאַסטוך אין ניו-יאָרק סאָנעטן און לידער: בוענאָס-איירעס, 1951

ביים פרוט, לאַ פלאַטאַ און ירדן פאַרלאַג „י. ל. פרץ״ תל-אביב, 1966